STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11022

DRAMEN

Aaron Kushnirov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. קושנירָאוו

דראמען

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1935

רעדאקטער—מ. ליטוואקאָוו

אין דער דריטער אופלאגע פון „הירש לעקערט", וואָס גייט אריין אין דעם באנד „דראמען", האָב איך געמאכט איי־ניקע ענדערונגען, וואָס זייער ציל איז — נאָך מערער פאר־שארפן און אויסקלאָרן די אידייִשע און קינסטלערישע ליניעס פונעם דאָזיקן ווערק.

צוגלייַך מיט „הירש לעקערט" און מיט דער דראמאטישער פּאָעמע „דער אורטייל קומט" האָב איך אין דעם באנד איינ־געשלאָסן אויך מייַן איבערארבעטונג פון לאָפּע דע וועגאס „שעפּסנקוואל" אונטערן נאָמען „פאָלק".

א. ק.

הירש לעקערט

מיט ליבע געווידמעט

מ. ליטוואקאוו:

אָנטײלנעמער

הירש לעקערט.

פײַװל.

יאנקל.

שײנע — אַן ארבעטערין.

זילבערשטײן — א בוכהאלטער א בונדאָװעץ.

סענדעראצקי — א פּױלישער ארבעטער.

סאָניע שערעשעװסקי — א זובאטאָװקע.

פאָן־װאל — װילנער גובערנאטער.

באָגאליי — זשאנדארמען־פּאָלקאָװניק.

באזימאָװ — פּאָליצמײסטער.

טשעקין — א שפּיק.

מאָטל עסרעג — א רײַכער באלעבאָס פון א שוסטער־װארשטאט.

בערל שנײַדער — באלעבאָס פון א װארשטאט.

ראָװ.

מאלקע לעקערט.

פרוי עסרעג.

יִינגל.

יִדענע — דעם יִינגלס מאמע.

אדיוטאנט — באם גובערנאטער.

דאָקטער.

אלטער פּאָרעצ.

קלעפּער.

ועכטער.

ארבעטער, זובאטאָווצעס, גאָראָדאָוויעג, קאָזאקן, אוילעם.

קומט פאָר אינ ווילנע, אינ אפּרעל — מײַ 1902 יאָר.

ערשטער אקט

ערשטע סצענע

אינ גובערנאטערס הויז. באלויכטענע זאלנ. מוזיק. אפנ פאָדערשטנ פלאנ פאָנ־וואל אונ נאזימאָוו.

פאָנ־וואל

נו, פאָליצמייסטער, איכ בינ גרייט אײַכ הערנ.
דערציילט... דערציילט, וואָס טוט די פאָליציי,
קעדיי ניט צו דערלאָזנ דאָ אינ שטאָט
אָט די... פארברעכערישע דעמאָנסטראציע.

(זעצט זיכ)

נאזימאָוו

איכ האָב די ערע, אײַער עקסעלענצ,
צו מעלדנ אײַכ: אינ שטאָט איז רו אונ אָרדענונג.

(פאָנ־וואל ווײַזט מיט א שטומענ זשעסט נאזימאָוונ, ער זאָל זיכ זעצנ. נאזימאָוו זעצט זיכ פאָרזיכטיק צו אונ הייבט זיכ פלינק ווידער אופ).

ווי אײַער עקסעלענצ האָט דאָס באפוילנ,
אונ לויט די צעטלענ פונ זשאנדארמען-טייל —
געמאכט געוואָרנ זײַנענ אומעטום
די אונטערזוכונגענ אונ די ארעסטנ.

733—2

ניט דורכגעלאָזן איז קיין איינציק הויז,
אַף וועלכן ס'איז אַ מינדסטער כשאַד געפאַלן.
און אומעטום איז שטאָט פאַרשטאַרקט די וואַך —
ווי אײַער עקסעלענץ האָט דאָס באַפוילן...
און אונטער אויפזיכט פון אַ שאַרפן אויג
איז יעדער איינער, ווער ס'איז נאָר פאַרדעכטיק.
איצט קאָן מען האָפן, אײַער עקסעלענץ,
ניט מעגלעך זײַנען קיינע דעמאָנסטראַציעס...

פאָן-וואַל

גוט, פּאָליצמייסטער, זעצט זיך, איך באַוויליק
די מיטלען, וועלכע זײַנען דורכגעפירט.
זאָל געבן גאָט און זאָלן דורכגיין רויִק
די טעג, אַף וועלכע ס'איז פאַרטראַכט בײַ זיי
אָט די פאַרברעכערישע... דעמאָנסטראַציע.
וועל איך דער פּאָליציי... פאַר טרײַער דינסט
מײַן הייסן דאַנק דורך אַ באַפעל דערקלערן...

נאַזימאָוו

כ'דאַנק, אײַער עקסעלענץ.

פאָן-וואַל

אַף שווערער דינסט געפינען מיר זיך דאָ, —
מיר זײַנען דאָ געשטעלט, ווי טרײַע היטער
פון רוסלאַנד און פון קייסערס טראָן,
אין אָט דעם קאַנט, ניט-רוסישן און פרעמדן,
וואָס איז מיט סאָנים אינערלעכע פול —
מיט ייִדן, מיט פּאָליאַקן, וועלכע ווילן
זיך אונטערגראָבן אונטער אונדזער מאַכט.
דאָ קאָנען מיר ניט רויִק זײַן און זיכער:
מיט שאָטנס פײַנטלעכע איז פול די שטאָט,

אין יעדער ברוסט דאָ קלאַפּט א הארץ א פּײַנטלעכס;
פון יעדן פענצטער קוקט א פּײַנטלעך אויג.
זיי האלטן נאָך די פּײַנטלעכקײַט פארבאָרגן,
נאָר אָט־אָט רײַסט זי זיך ארויס אף גאס,
אָט דרינגט זי שוין ארײַן אהער אפּילע,
קעדיי צו טאָן א וואקל אונדזוער רו.
א שווערע פליכט: דאָ מוז מען שטענדיק וואך זײַן.

נאזימאָוו

איר זאָגט גאנץ ריכטיק, אײַער עקסעלענץ.
פּאָליאקן, ייִדן,— וואָס איז דאָ צו ריידן,
אלץ מענטשן ניט קיין זיכערע.

פּאָן־וואל

פארשטייט זיך,
אויך צווישן זיי פאראן, כאָטש ניט קיין סאך,
אזעלכע, וועלכע דארפן רו און אָרדענונג.

נאזימאָוו

גאנץ ריכטיק, אײַער עקסעלענץ... פאראן...
פאראן בא אונדז... א פאבריקאנט דאָ איינער...
א ווילער מענטש... אָט כאָטש ער איז א ייִד...
ער שפירט נאָך זײַנע ארבעטער אליין.
און טאָמער עפּעס... גיט ער באלד צו וויסן
פערזענלעך מיר... און אָט דער פאבריקאנט
(דאָס איז געווען פאר זייער עקסעלענץ
דעם פריִערדיקן ווילנער גובערנאטער)
האָט אויסגעשפּירט בא זיך אין דער פאבריק
איין זשיד און צוויי זשידאָווקעס, וועלכע האָבן
פארווערטע פּראָקלאמאציעס פארשפּרייט.

פאָנ־ואל

אָ, זייער גוט. אזעלכע דארף מען אכטן,
און יענע דארף מען אויסוואָרצלען ביז ענד.

נאזימאָוו

מע האָט זיי, אָט די דרײַ, דאָרט ארעסטירט
און זיי גענומען אָפּפירן צום פּריסטאוו,
נאָר... אײַער עקסעלענץ, אינמיטן גאס
איז א האמוין פון ארבעטער בא טויזנט
מיט שטיינער און מיט שטעקנס אין די הענט
באפאלן דעם אוריאדניק און די סאָטסקעס...
און אָפּגעשלאָגן זיי... און זיי באפרײַט...

פאָנ-ואל

באפרײַט!.. דאָס איז דאָך שוין א בונט!

נאזימאָוו

גאנץ ריכטיק, אײַער עקסעלענץ... א בונט...

פאָנ-ואל

א שאנד. וואָס האָט געטאָן די פּאָליציי?

נאזימאָוו

ווי נאָר זי איז געקומען אפן אָרט,
איז דער האמוין פון דאָרט זיך גלײַך צעלאָפן.

פאָנ-ואל

און קיינעם ניט געכאפּט? א שאנד! א שאנד!

נאזימאָוו

פארהאלטן נאָר די אָנפירער; דרײַ ייִדן —

דעם שוסטער הירשל לעקערט און... נאָך צוויי...
מע האָט זיי אַרעסטירט... און...

פ אָ נ - װ א ל

אופגעהאנגענ ?!

נ א ז י מ אָ װ

נײנ... נאָר ארויסגעשיקט...

פ אָ נ - װ א ל

א קלײנע שטראָפ!
בא מיר װאָלט ער זיכ אפּ א שטריק געבויטעט...
(פאוזע. גײענ צוריק אינ זאל)

מע קאָנ פונ זײ אצינד דערװארטנ אלצ...
מיר מוזנ אָנעמענ די שטרענגסטע מיטלענ,
אז אינעם טאָג פונ זײער ערשטנ מײַ
זאָל דאָ קײנ אײנער ניט פונ זײ אפילע
דערװעגנ צו באװײַזנ זיכ אפּ גאס.
זײ װילנ אונדזער אָרדענונג צעטרײסלענ,
זײ װילנ דורכדרינגענ אהער דורכ װענט...
מיר מוזנ שטענדיק װאכ זײַנ, פאָליצמײסטער,
מיר מוזנ שטארק זײ האלטנ אינ די הענט.

צווייטע סצענע

גאס אין ווילנע, בירשענקל. פון דער טיר וואלגערן זיך ארויס עטלע־כע אויבעטער אײַנגעקלאמערטע איינע אין די אנדערע. קוילעס, גע־שרייען.

ס ע נ ד ע ר א צ ק י

זובאטאָווצעס!

י א נ ק ל

צעשפאלטן זיי די קעפּ!
זיי זאָלן ניט דערוועגן זיך דאָ ווײַזן!

ס ע נ ד ע ר א צ ק י

פארעטער נידערטרעכטיקער! שפּיאָן!

(עס לויפט זיך צונויף א רעדל ארבעטער, עס קומען אָן פּײַוול און שיינע).

פ ײַ ו ו ל

ווארט—יאנקל! שטיי! דערצייל, וואָס קומט דאָ פאָר!

י א נ ק ל

זובאטאָווצעס!

ס ע נ ד ע ר א צ ק י

שפּיִאָנען! הינטיש בלוט!

ש יי נ ע

ווּ האָט איר זיי דערטאפּט?

י א נ ק ל

אָט טאקע דאָ.

ס ע נ ד ע ר א צ ק י

מיר זיצן זיך אַזוי און טרינקען ביר —

י א נ ק ל

און זיי אנטקעגן אונדז...
און הייבן אָן פונוויַיטן...
מיט זיסע ריידעלעך, מיט כיטרעקייַט...

ס ע נ ד ע ר א צ ק י

איך האָב זיי באַלד דערקאַנט...

פ יַ ו ו ל

וואָס האָבן זיי געזאָגט?

ס ע נ ד ע ר א צ ק י

אָהאָ, וואָלסטו געזען, וואָלסטו געהערט,
ווי מע האָט אים גענומען אין דער ארבעט —
פאַרוואָס אַן ארבעטער, א ייִד, א שוסטער, —
וואָס האָט ער גאָר צו טאָן מיט א פּאָליאַק,
מיט מיר...

י א נ ק ל

מיט גויִים פון דער אײַזנבאַן...

ער זאָגט: אונדז דארף ניט אָנגיין פּאָליטיק,
דאָס איז אַן ארבעט פאר אינטעליגענטן.

סענדעראַצקי

און נאָך און נאָך אזעלכע זיסע רייד...

יאנקל

אַז אַרבעטער באַדאַרפן וויסן איינס:
דערשלאָגן זיך אַ העכערונג פון לוין,
פארגרינגערן פיל ווייניק אונדזער לאַגע,
און דאָס וועט אונדז ניט שטערן קיינער טאָן
דורך זייער אומאָפּהענגיקער פארטיי.

פּײַוול

אַזוי האָט ער געזאָגט?

יאנקל

אַזוי געזאָגט.
ווי דען, דו מיינסט, ער וועט דיר אַנדערש זאָגן?

שיינע

פארוואָס זשע האָט איר גלײַך אים ניט געפרעגט,
ווי קומט דאָס, וואָס אין מינסק האַלט איצטער שמאָל
מיט זייער אומאָפּהענגיקער פארטיי?
באַדאַרפט אַ פרעג טאָן זיי.

פּײַוול

באַדאַרפט! באַדאַרפט!

יאנקל

אָט נאַ, אָט האָסטו! אָפּגעזאָגט אַ מעמרע:
באַדאַרפט אַ פרעג טאָן זיי! וואָס טויג מיר פרעגן?...

כ'וועל גיין דיסקוסיעס מיט זיי פארפירן?..
איך זע דאָך שוין, מיר איז דאָך קלאָר זײַן מיין —
בין איך אים גלײַך פארפאָרן אין די ציין!
(יאנקל און סענדעראצקי אָפּ צוריק אין ביר־שענק)

ש יי נ ע

אין מינסק האלט איצטער זייער שמאָל מיט זיי —
קימאט צוויי יאָר זיי האָבן דאָרט געארבעט,
די פאָליציי אליין האָט זיי געשטיצט,
געהאָלפן אויסשפילן א צוויי—דרײַ שטרײַקן,
געמיינט דערמיט די ארבעטער פארבלענדן...
צו שפאלטן זיי און אָפּציִען פון קאמף...
נאָר אלע ווייסן שוין דאָרט, ווער זיי זײַנען,
און קיינער לאָזט זיך שוין ניט נארן מער,
איז וויל מען איצט א פרווו טאָן דאָ די שפיל
און שאפן אויך בא אונדז אזא פארטיי...

פ ײַ ו ל

דאָ וועט זיך זיי ניט אײַנגעבן די קונץ!
קום, שיינע, אָט וועל איך זיי נאָך דעריאָגן,
וועל איך זיי ווײַזן א זובאטאָווסקע פארטיי...
(שלעפּט זי נאָך זיך)

ש יי נ ע

ניין, איך באדארף דאָ צוווארטן א ווײַלע, —
באלד קומט אהער... טרעפ, פײַוול, ווער עס קומט...

פ ײַ ו ל

איך הייב ניט אָן צו וויסן, ווער דארף קומען...

ש יי נ ע

ווען דו וואָלסט וויסן, פײַוול, ווער עס קומט,

וואָלסטו שוינ אזוי רויִק ניט געשטאנענ,
דו וואָלסט בא מיר געשפרונגענ איצט פונ פרייד.

פ ײַ וו ל

נו, צי ניט די נעשאָמע, זאָג שוינ ווער.

ש ײ נ ע

ניינ, האָב געדולד, די פרייד איז שטענדיק גרעסער,
ווענ מע דערזעט זיכ אומגעריכטערהייט.
(ווײַזט אָנ פײַוולענ אינ א צווייטער זײַט)
נו, מיילע, זע, ווער קומט דאָס אָנ פונ דאָרטנ...
אהינצו קוק, דו זעסט ניט ווער עס גייט?

פ ײַ וו ל

איכ זע ניט קיינעמ... א, דו טרײַבסט קאטאָוועס.
(קערעוועט זיכ אויס אונ דערזעט פלוצלינג לעקערטנ)
אכ, הירשל! אָט א גאסט! ווענ קומסטו אָנ?!
אוועלכער ווינט האָט דיכ אהער פארטראָגנ?
אזויפיל צײַט האָט קיינער ניט געוווּסט
ווהינ איז דײַנ געביינ אהינגעקומענ.
וואָס מאכסטו?

ל ע ק ע ר ט

אָט דו זעסט דאָכ מיכ: איכ לעב.
אונ אז מע לעבט, ווי זאָגט מענ, גוטער ברודער,
דערלעבט מענ זיכ...

פ ײַ וו ל

מע האָט דיכ שוינ באפרײַט?

ל ע ק ע ר ט

באפרײַט? א נאר וואָלט איכ געווענ צו וואַרטנ,
זיי זאָלנ קומענ זאָגנ מיר: ביסט פרײַ.

ניין, גוטער ברודער, האָט מען דיך געפּאַקט,
איז דאַרפסטו אַפּ קיין קאָוועד שוינ ניט וואַרטנ.
א גוטער פערד צערײַסט אַליינ די פּענט,
א פוילער — וואַרט, מע זאָל זיי אים צעבינדנ.

פּײַוול

ווי האָט זיך דיר געלעבט דאָרט אינ דער פרעמד?

לעקערט

אַנ אַרבעטער איז אומעטום א פרעמדער
און אומעטום אַנ אייגענער באַגלײַך,
מע ווערט ניט אייגנ צווישנ באַלעבאַטים,
מע ווערט ניט צווישנ אַרבעטער פאַרפרעמדט.
וואָלט איך נאָר ניט געווענ דאָרט געפּענטעט —
די פּאָליציי לאָזט מיך ניט אָפּ פונ אויג,
דאָס בלוט קאָכט אופּ אינ דיר צו יעדער רעגע
און דו מוזט זיצנ מיט פאַרלייגטע הענט.
האָב איך די פּיס גענומענ אַפּ די פּלייצעס,
און איך בינ ווידער דאָ...

שיינע

א קלוגע זאַך,
וואָס דו ביסט ווידער דאָ...

פּײַוול

א ווילע זאַך...
וואָס הערט זיך עפּעס דאָרט אינ יענע קאַנטנ,
ווי לעבנ דאָרטנ אַרבעטער, דערצייל.

לעקערט

מע ליגט דאָרט אויך אינ ד'ערד אַזוי ווי דאָ,
ס'איז אומעטום דאָס זעלבע, וואָס אינ ווילנע.

פ ײַ װ ל

דו װײסט שױן דען, װאָס טוט זיך דאָ אין װילנע?

ל ע ק ע ר ט

כ׳האָב שױן געהערט, װאָס איר האָט אױסצושטײן
פון נײַעם גובערנאַטער, פון פאָן־װאַלן.

ש ײ נ ע

א נײַער בעזעם — װיל ער קערן רײן.

ל ע ק ע ר ט

א נײַעם בעזעם רײַבט מען אָפּ די ריטער...

פ ײַ װ ל

מיר װילן טאַקע, אז דער ערשטער מײַ
זאָל הײַנטיקס יאָר אים כאָטש א גוטן ברי טאָן.

ל ע ק ע ר ט

איר האָט באַשלאָסן שױן א דעמאָנסטראַציע?

פ ײַ װ ל

די פראַגע װערט באַהאַנדלט נאָך דערװײַל.

ש ײ נ ע

די גאַנצע מאַסע װיל א דעמאָנסטראַציע,
עס צװײפלט נאָך דערװײַל דער קאָמיטעט...

פ ײַ װ ל

נו, נו, מיר װעלן פאַר דער צײַט ניט רײדן,
דער קאָמיטעט דאַרף זאָגן ערשט זײַן װאָרט.

ש ײ נ ע

ער װעט דאָס זאָגן דעמלט, װען די מאַסע

וועט אָנהייבן צו שרײַען אַפּ א קאָל.
די מאסע וועט א גוטן שטויס אים געבן,
וועט ער זיך עפּשער רירן פונעם אָרט.

פײַוול

פארטרויסטו עפּשער ניט דעם קאָמיטעט?

שיינע

זאָג דו, פארוואָס זאָל איך אים יאָ פארטרויען?
אז איך הייב אָן אַלץ קלאָרער צו פארשטיין,
ווּהין אונדז שטויסט דער „בונד" און זײַנע פירער.
די מאסע רײַסט זיך יעדן טאָג אין קאמף,
און זיי פארשטייען אָפּהאַלטן און צוימען,
און אָפּקילן און לעשן אונדזער דראנג.
זיי ווילן, קלוימערשט, אויסמײַדן געפאַרן,
זיי זײַנען, קלוימערשט, פאָרזיכטיק און קלוג.
(טומל אין בירשענקל. עס לויפט ארויס יאנקל)

יאנקל

עי, כעוורע, גיך אהער, אהערצו גיכער!
זיי זײַנען ווידער דאָ.
(פײַוול לאָזט זיך ווידער גיין)

לעקערט

ווּהין? ווער איז?

שיינע

זובאטאָווצעס! דו האָסט נאָך ניט געהערט?

לעקערט

פאראן בא אײַך דאָ אויך זובאטאָווס לײַט?

שיינע

פאראן דאָ א פאָלקאָווניק באַגאַליי,

אים ווילט זיך שאפן אויך בא אונדז אין ווילנע
אַן אומאָפּהענגיקע זובאַטאָווּשע פּארטיי.

לעקערט

איז קום, מע דארף זיי זען.
(פּײַוול און עטלעכע זובאַטאָווצעס גייען, קריגן זיך)

שיינע

אָט גייען זיי אַליין...
און סאָניע שערעשעווסקי אויך מיט זיי, —
זי גייט זיך אָנעמען פאר אירע לײַט...

לעקערט

וואָס רעדסטו, שיינע? סאָניע איז מיט זיי?

שיינע

געוואָרן זייער אָנפירערן דאָ.
די רעכטע האנט פונעם פאָלקאָווניק באָגאלײ.

לעקערט

נאָר סאָניע קאָן ניט זײַן קיין פּראָוואָקאטער!..
(וויל זיך לאָזן אנטקעגן. שטעלט זיך אָפּ)

שיינע

געלאָזט זיך אײַנריידן, אז די אָכראַנקע
מיינט גוטס די ארבעטער...

סאָניע (אפן פאָרערשטן פּלאן צו פּײַוולען)

וואָלט איר גערעכט געווען, וואָלט איר גערעדט
ניט מיט די פויסטן...

(דערזעט לעקערטן)
הירשל, ביסט דען דאָ?
(וויל זיך לאָזן צו לעקערטן. לעקערט שווײַגט פארלוירן. שיינע באזײַ־
טיקט לעקערטן, שרײַט אויס)

שיינע

מיר דאַרפֿן ניט קיין שוטפֿעסדיקע גרייַנט
מיטן זשאַנדאַרם באַגאַלײַ!
קומט...

(אַלע הייבן אָן אַוועקגיין. לעקערט, נאָך א רעגע וואַקלעניש, בלײַבט)

לעקערט

דו... און דער פֿאַלקאָווניק באַגאַלײַ?

(סאָניע, וועלכע איז געשטאַנען גרייט צו באַגריסן זיך פֿרייַנטלעך מיט לעקערטן, ענדערט זיך גלײַך, פֿילנדיק, אַז לעקערט גיט איר ניט די האַנט)

סאָניע

פֿאַרוואָס ניט באַגאַלײַ, אויב ער איז אונדז א פֿרייַנט?

לעקערט

א פֿרייַנט פֿון אַרבעטער דערקענט מען נאָר אין קאַמף,
און דו, ווי האָסטו דאָס דערקענט אים פֿאַר א פֿרייַנט?

סאָניע

צו וואָס טויג קאַמף, אויב קיינער שטערט אונדז ניט
דערשלאָגן זיך א בעסער, גרינגער לעבן
אָן א געזעצלעכן און גלײַכן וועג?

לעקערט

אַזעלכע דראָשעס האָב איך שוין געהערט!

סאָניע

נאָר הערן איז נאָך ווינציק. קום מיט מיר,
וועסטו אויך זען און וועסט זיך איבערצײַגן,
ווי נוצלעך פֿאַר די אַרבעטער קאָן זײַן
די אומאָפּהענגיקע פּאַרטיי.

ל ע ק ע ר ט

ניין, מיך וועסטו ניט איבערציַיגן קיינמאָל!
מיך וווּנדערט נאָר, ווי דו קאָנסט אין דעם גלייבן.

ס אָ נ י ע

פארוואָס?

ל ע ק ע ר ט

א פראָסטער סייכל! אפ דער וועלט
פאראַנ נאָר הונגעריקע און פאראַנ נאָר זאטע, —
כ'האָב קיינמאָל ניט געזען, פון זינט איך לעב,
די זאטע זאָלן אָפּגעבן פון זייערס.
זיי מאכן איצט געזעצלעך אונדזער קאמף —
זיי מיינען דאָ געוויס ניט אונדזער טויווע.

ס אָ נ י ע

איז גלייבסטו, הירשל, אז איך קאָן פאראַטן?

ל ע ק ע ר ט

נאָר לײַכטזין איז ניט בעסער פון פאראַט!
(פאוזע)
ווי לאנג אז דו האָסט מיר געשריבן בריוו,
און יעדער בריוו געווען איז ווי א קנופּ,
וואָס האָט צוריק געצויגן מיך קיין ווילנע!
איך האָב אזוי געריסן זיך פון ווײַט...
געבענקט נאָך א באגעגעניש מיט דיר...
און איצטער שטייען מיר דאָ זאלבעצאנד,
און דו ביסט איצט נאָך ווײַטער ווי געווען...

(טוט א מאך מיט דער האנט, גייט אוועק. סאָניע שטייט א רעגע פאר־
לוירן, דערנאָך לאָזט זי זיך האסטיק נאָך אים. עס שלײַכט ארויס טשעקינ,
פארשטעלט ווי א ייִד. עס קומט אויך מאלקע)

טשעקין

וואָס זײַט איר, ווײַבעלע, געקומען זוכן?

מאלקע

איך זוך ניט. איך האָב דען געזאָגט: איך זוך?

טשעקין

און אויב איר זוכט, איז וואָס זשע זוכט איר דאָ?
אָט גייט אַרײַן אַהין, וועט איר געפינען...
(מאלקע וויל גיין)
איר וועט אַרויסשיקן מיר עפּשער מײַנעם אויך?

מאלקע

ווער איז דאָס אײַערער?

טשעקין

ווער איז דאָס מײַנער?
אָט, כ'וועל אײַך אויסמאָלן, וועט איר דערקענען:
א הויכער מיט א לענגלעך פּנעם... אָט...
א נײַער אָנצוג איז אָן אים...

מאלקע

גיי טרעף — א הויכער אין א נײַעם אָנצוג!
אָט ווייסט איר וואָס, גייט איר אַרײַן אַהין
און שיקט אַרויס מיר מײַנעם, ער איז אויך
א הויכער אין א נײַעם אָנצוג...

טשעקין

א הויכער, אין א נײַעם... האָב איך אים געזען.
נאָרוואָס געשטאַנען...

מ א ל ק ע

ווּ איז ער געשטאַנען?

ט ש ע ק י ן

אָט טאַקע דאָ. ער איז אַוועק אַהין.
ווי הייסט ער, אײַערער?

מ א ל ק ע

מע רופֿט אים? הירשל רופֿט מען אים.

ט ש ע ק י ן

א שוסטער איז ער? איז געווען פֿאַרשיקט?

מ א ל ק ע

געווען פֿאַרשיקט. איר קענט אים? קוים אַנטלאָפֿן.
אין שטוב זיך נאָך ניט אָנגעוואַרעמט...
און גלײַך אַהערצו אױף דער בירזשע, צו כאַווײרים.
אין שטוב זיך נאָך ניט אָנגעוואַרעמט...

ט ש ע ק י ן

איז ער אַוועק אַהין... אַהין... אַהין...
גייט, גייט, איר וועט געפֿינען אים.
(מאַלקע אָפּ)
און טאָמער ניט... וועל איך אים שוין געפֿינען...

דריטע סצענע

צימער באם פּאָלקאָווניק באָגאלײ. עס קומט אַרײַן טשעקין. נעמט אַראָפּ די באָרד, טוט אויס די ברילן — באקומט זײַן עמעסן אויסזען — א שפּיק.

באָגאלײ

נו, טשעקין, וואָס פאר נײַס האָסטו געבראכט?
וואָס טוט די שטאָט, ווי זעען אויס די גאסן
און אָט די שײנע פּײסעכדיקע טעג?..
געפעלט דיר, ווי עס קלינגען דאָ די גלעקער
אין דער פאַרוואָרפענער, פאַרשטויבטער שטאָט!..
און מאָסקווע צי און פעטערבורג אַצינדער,
די גלעקער דאָרט צעטרײסלען איצט די לופט,
עס שטײט אזא געקלאנג... באָם-באָם... נו, טשעקין,
קײן פּעטערבורג וואָלסטו געוואָלט?.. כ׳ווײס, כ׳ווײס,
עס ווילט זיך דיר קײן פעטערבורג, עס ווילט זיך...
נאָר האָב געדולד, מיר וועלן דאָרט נאָך זײַן,
מע דאַרף נאָר וויסן, ווי אהינצו קומען.
דו האלט זיך פעסט פאר מיר, וועט אלץ זײַן גוט,
איך וועל אין פּעטערבורג דיך ניט פאַרגעסן...

נאָר האָב געדולד... עס טויג ניט דער סאָלדאט,
וואָס האָפט ניט זײַן אמאָל א גענעראל.

ט ש ע ק י נ

כ'דאנק אונטערטעניק, אײַער וווילגעבורט.

ב אָ ג א ל יי

איז וואָס זשע קאָנסטו אונדז אצינד דערציילן,
וואָס האָסטו זיך דערוווּסט דאָרט ?.. עי, איוואנ !

(פאוזע, ס'קומט ארײַן איוואנ)

די בארישניע געקומענ ?

א י וו א נ

נאָך ניט געקומענ, אײַער וווילגעבורט.

ב אָ ג א ל יי

מארש !..

(צו טשעקינענ)

וועלכע נײַס האָסטו געבראכט ?

ט ש ע ק י נ

מע האָט דאָרט ווידער אונדזערע געשלאָגנ,
ביז בלוט געשלאָגנ אונדזערע.

ב אָ ג א ל יי

אוועלכע...

אונדזערע...

ט ש ע ק י נ

אָט די... אָט יענע...
פונ אונדזער אומאָפּהענגיקער פארטיי...

באַגאַליי

באַלוואַן! איך האָב דיר וויפל מאָל געזאָגט,
דו זאָלסט ניט וואַגן קיינמאָל הויך צו זאָגן:
„אונדזער אומאָפּהענגיקע פּאַרטיי”.
ווער דאַרף דאָס וויסן, אונדזערע צי ניט...
עס טאָר ניט קיינער זען דאָרט אונדזער האַנט!

טשעקין

אַנטשולדיקט, אײַער...

באַגאַליי

ווער האָט זיי געשלאָגן?

טשעקין

די אַרבעטער...

באַגאַליי

די ייִדישע?

טשעקין

ניט נאָר די ייִדישע... יאָ, יאָ... ניט נאָר...
דאָרט האָבן אַלע צוגעלייגט אַ האַנט,
די פּוילישע... די ליטווישע...

באַגאַליי

גענוג, גענוג... וואָס נאָך?

טשעקין

אַפּ שאַבעס איז דאָרט אָפּגערעדט באַ זיי
פֿאַרזאַמלען זיך אין וואַלד, וואָס באַ זאַרעטשיע.

באָגאַלײ (טראכט)

און זאָלן זײ פאַרזאַמלען זיך... כ׳וועל זען,
ווי אַט די פּעטע פּעל, דער פּאָליצמײסטער,
וועט ווײַזן העלדישקײַט אָן אונדזער הילף...
מיר וועלן זען, ווי ער וועט זײ פאַרהאַלטן...
אים כאָלעמט זיך דאָך שוין דער גרויסער דאַנק,
וואָס אים האָט צוגעזאָגט דער גובערנאַטער.
ווי מײנסטו, טשעקין, באַלד דערלאָזן מיר,
אַז ער זאָל גרינג אַזוי אַ דאַנק באַקומען?..
ווי דען, ניט אַנדערש, מיר וועלן זיך מיִען,
מיר וועלן דינען ווי די אויסשפּיר־הינט,
און עמעצן וועט מען פאַר אונדז באַלוינען.

טשעקין

ניטאָ וואָס ריידן, אײַער וווילגעבורט,
די פּאָליצײ האָט שטענדיק ליב אָפּ גרייטן...
צומבײַשפּיל, נעמען כאָטש אַ גאָרדאָווי,
ער שטייט זיך ווי אַ פּאַס דאָרט אָפּן ראָג,
און זאָל דאָס זען, און זאָל כאָטש עפּעס הערן...
און איך, צומבײַשפּיל, אײַער וווילגעבורט,
כ׳האָב אויסגעשפּירט אַ וויכטיקן פאַרברעכער,
און עפּשער קומט גאָר מיר דער ערשטער דאַנק...

באָגאַלײ

נו, נו, וועסט ערגעץ אַנדערש זיך באַרימען!
איך קאָן דיך גוט. איוואַן!
(ס׳קומט אַרײַן איוואַן)
געקומען שוין?

יוואַן

נאָך ניט געקומען, אײַער וווילגעבורט.

ט ש ע ק י ן

אָט זעט אַליין, כ׳בין גרייט א ציילעם לייגן...
(דערלאַנגט זײַן באָטיץ-ביכל)

כ׳האָב אויסגעשפּירט... אָט זעט אַליין...

ב אָ ג א ל יי

באַוויַיז!

(לייענט, טשעקין זאָגט אונטער)

„אַן ארבעטער... א שוסטער... הירשל לעקערט.
געווען פארשיקט...
פאר ווידערשטעלן זיך דער פּאָליציי...״

ט ש ע ק י ן

און איצט איז ער אנטלאָפן...

ב אָ ג א ל יי:

און איז דאָ?

ט ש ע ק י ן

אַליין געזען אים מיט מײַנע אויגן;
געווען צום אַלעם ערשטן אפ דער בירזשע,
דערנאָך אוועק אפ דער זאַוואַלנער גאַס,
דאָרט האָט ער יענע בארישניע באַגעגנט...
די זעלבע, וועלכע איר דערוואַרט אצינד...

א י ו א ן (קומט אַרײַן)

דאָס מיידל, אײַער ווילגעבורט, געקומען...

ב אָ ג א ל יי

פארבעט אהער!.. דו, טשעקין, מאַרש אהין!
נאָר לאָז אים ניט ארויס פון אויג...

טשעקין

זײַט זיכער.
ווהין דער הונט וועט איצט זיך ניט א דריי טאָן,
וועט ער בא מיר ניט אויסמײַדן דעם שטעקן.
(אָפּ).

באָגאַלײ (אַלײן)

איך ווײס, איך ווײס, אז שלאָגן אפּן גרײטן
וועט העלדישקײַט בא אײַך בא אַלע קלעקן...
און מיר ווערט יעדער מאָל אַלץ קלאָרער,
ווהין עס הײבט אָן בלאָזן איצט דער ווינט:
ווהעסט אַפּ א שטעקן ווײַט איצט ניט פאַרפאָרן,
אַן אַנדער צוגאַנג פאָדערט זיך אַצינד.
(איוואַנ איז טיר, לאָזט אַרײַן סאָניען)
איך האָב אַפּ אײַך געוואַרט און לאַנג געוואַרט...

סאָניע

נאָר איך האָב דאָך קײן ביסל ניט פאַרשפּעטיקט,
ווי איך האָב אָפּגערעדט...

באָגאַלײ

איז עפּשער האָט
מײַן אומגעדולד די צײַט מיר אויסגעצויגן...
נו, זיצט, איך האָב אײַך וויכטיקס צו דערציילן...
איר ווייסט, מיסטאַמ, עס גרייט זיך דאָ אין שטאָט
א דעמאָנסטראַציע... צום ערשטן מײַ...

סאָניע

איך ווייס... מע גרייט... דער בונד און פּ. ס. ד.

באָגאַלײ

ווען ס׳גייט דאָ נאָר אין בונד און פּ. ס. ד.,

וואָלט דאָס נאָך ניט געווען אזוי געפערלעך.
נאָר ערגער איז: די מאסע איז פארכאפט
מיט אומזיניקן דראנג צו דעמאָנסטראציעס,
און נאָך און נאָך ערגער... דער גובערנאטער... —
נאָר אײַך פארטרוי איך דאָס — זײַן מיינונג איז:
זאָל פאָרקומען די דעמאָנסטראציע,
ניט שטערן איר... נײַן...

ס אָ נ י ע

וואָס באטײַט דאָס? זאָגט?!

ב אָ ג א ל יי

קעדיי דערנאָכדעם... נו, פארשטייט אליין...
קעדיי דערנאָכדעם קאָנען זיי צעטרײַבן.

ס אָ נ י ע

א פראָוואָקאציע?

ב אָ ג א ל יי

דער פאָליצײַ
איז אָפּגעגעבן א באפעל זײַן גרייט,
און ס'איז איר צוגעזאָגט א דאנק אפילע.

ס אָ נ י ע

א פראָוואָקאציע! וואָס דארפן מיר איצט טאָן?

ב אָ ג א ל יי

מיט אלע מיטלען וואָרענען, דערקלערן
און אופדעקן די ארבעטער די אויגן...
איצט קאָן די אומאָפּהענגיקע פארטײַ
אין אירע הענט פארכאפּן די באוועגונג...

ס אָ נ י ע

גאָר קיינער גלייבט ניט... קיינער וויל ניט גלייבן
אין א לעגאלער ארבעטער-באוועגונג...
ס'איז שווער אזוי... שווער דורכצוברעכן
די וואנט פון האס און אומצוטרוי
צו אלץ, וואָס טראָגט אזא מונדיר...
אזוי פיל אומצוטרוי...
אז מיך אפילע האָט געטאָן א וואקל...

ב אָ ג א ל יי

איר זײַט הײַנט שלעכט געשטימט...

(שמייכלט)

ס אָ נ י ע

ניט שפאסט!
מיר גייט ניט אָפּ אצינד קיין שפאס...

ב אָ ג א ל יי

איך זאָג אָן שפאס: איר זײַט הײַנט שלעכט געשטימט,
איר ווילט, האָב איך דערופ געווארט אפילע...

ס אָ נ י ע

איך ווייס ניט וועלכן גרונט האָט איר געהאט.

ב אָ ג א ל יי

אָט זעט איר דאָך, איך האָב געהאט א גרונט.
איך ווייס, אז גאָר ניט לאנג... די זעלבע שאָען,
ווען איך האָב דאָ אפ אײַך אזוי געווארט...
האָט איר געהאט א גאסט... אן אומגעריכטן.

ס אָ נ י ע

(א הייב פון אָרט)

אן אומגעריכטן גאסט?
און אײַך איז שוין באוווּסט?

ב אָ ג א ל יי

נו, נו, ניט בייזערט זיך... ניט בייזערט זיך...
מיך צווינגען מײַנע פליכטן, איך זאָל וויסן,
ווען אומגעבעטן קומט אין שטאָט א מענטש,
וואָס איז געווען ארויסגעשיקט פונדאנען.

ס אָ נ י ע

האָט איר אים ארעסטירט?

ב אָ ג א ל יי

ניין... ניין...
אן ארבעטער איז ער... א פּראָסטער מענטש...
איך גלייב, ער קאָן אונדז איצטער זײַן א פרײַנט.

ס אָ נ י ע (כאפּט איבער דעם אָטעם)

נו, זײַט איר בעסער ווי איך טראכט אמאָל...

ב אָ ג א ל יי

איך ווייס, אויך אײַך איז שווער זיך צו באפרײַען
פון אומצוטרוי... צו מיר... צו אונדז... נאָר זאָגט!
עס זײַנען ווינציק דען פאראן אזעלכע,
וואָס זײַנען גרייט צו דינען אונדז פאר געלט,
אויב איך וואָלט נאָר באדארפט פאראט — און גאָר...
ניין, פרײַנטשאפט וויל איך, פרײַנטשאפט לייג איך פאָר.

ס אָ נ י ע

ניין, ניין, איר האָט פאר מיר זיך ניט באהאלטן,

באוויזן זיך אַזעלכער, ווי איר זײַט...
איך גלייב אײַך איצטער אויך, ווי כ'האָב געגלייבט...
(כאַפּט זיך פּלוצעם אויף אין גרויס אויפרעגונג, קוקט זיך אײַן אין אים)
נאָר שלעכט וועט זײַן, אויב נאָר איר זײַט ניט דער,
פאַר וועלכן איך האָב אײַך פאַררעכנט,
מײַן קאָפּ איז דעמאָלט מיר ניט טײַער...
(טרעט אָפּ צו דער טיר)

באַגאַליי

מײַן פרײַנט, באַרויִקט זיך... באַרויִקט זיך...
אויב איר וועט ווען־עס־איז זיך איבערצײַגן,
אַז איר זײַט אָפּגענאַרט...
(גיט איר זײַן רעוואָלווער)
אָט נעמט, באַהאַלט...
מײַן קאָפּ זאָל דעמאָלט אײַך אַן ענטפער געבן...
נעמט... נעמט... באַהאַלט!

פערטע סצענע

ראָג באַם אריַינגאנג אינ פּאַרק, ווו די בירזשע. א גאָראָדאָווי דרייט
זיכ ארומ. עס קומט א צווייטער גאָראָדאָווי מיט א קלעפּער.

צווייטער גאָראָדאָווי

אָט דאָ קלעפּ אָנ.

(קלעפּער קלעפּט)

ערשטער גאָראָדאָווי

(אָנווייַזנדיק אפנ פּאַרק, ווו די בירזשע)

אהינצו גיי קלעפּ אָנ,

אָט דאָרט איז סאמע זייער אָרט. אָט דאָרט

פּאַרזאמלענ זיי זיכ טאָג אונ נאכט אָנ אופהער.

קלעפּער

קלעפּ יאָ, קלעפּ ניט — עס וועט שוינ גאָרניט העלפּנ.

צווייטער גאָראָדאָווי

נו, דו ניט רייד אונ קלעפּ!

עו׳שטער גאָראָדאָווי

קלעפּ, קלעפּ, ניט רייד!

קלעפּער

ביז מאָרגן וועט קיין איינציקס ניט פאַרבלײַבן.
קלעפּ יאָ, קלעפּ ניט...

(גייען אריבער קלעפּן אפ אן אנדער ארט. מאָטל עסרעג רוקט זיך אַרויס פון דער טיר פון זײַן קראָם. נאָך אים בערל שנײַדער)

שנײַדער

רעב מאָטל, קומט א לייען טאָן, וואָס פאַר נײַס..

(א יינגל קומט צו לויפן. שפּרינגט ארויס פאר עסרעגן און שנײַדערן, ווי ער וואָלט בא זיי אויסגעכאַפּט. לייענט הויך און פרייליך)

יינגל

„באַפעל פון ווילנער גובערנאַטער“... הערט!..
(לייענט לאנגזאם)
„צו מיר דערגייען אום-רו-יקע קלאַנגען
פאַרברעכערישע פער-זאָ-נען גרייטן צו
אן אום-גע-זעצ-לעכע אר-ויס-טרעטונג
אין שטאָט“...

עסרעג (שטויסט אָפּ דאָס יינגל)

אוועק! וואָס זאָגט איר אפּן לייענער!..
(לייענט אליין)
„איך וואָרן אלע אײַנוווינער פון שטאָט“...

יינגל

די שווערסטע ווערטער האָב איך דורכגעלייענט,
און איצט איז ער א קלוגער — ס׳לייענט זיך גרינג...

שנײַדער

שאַ—שאַ! אַוועק! לאָז אויסהערן אַ וואָרט!

עסרעג (לייענט)

„די שטאָט אַפּ אויסעראָרדנטלעכן צושטאַנד".

(צו שנײַדערן)

ווי דען, איך האָב געוווסט, אַז דאָס וועט זײַן.

שנײַדער

לייענט, לייענט, וואָס שטייט דאָרט נאָך.

עסרעג (לייענט)

„די טויערן באַדאַרפן זײַן פאַרשפאַרט.

די מינדסטע אומרוען וועל איך דערשטיקן".

(צו שנײַדערן)

זיי וועלן זיך דערשפּילן סאָפּקאָלסאָפּ,

אָט שטייט בעפיירעש דאָ, אָט טוט אַ קוק:

„די שולדיקע וועל איך באַשטראָפן שטרענג".

שנײַדער

אַר-וואַ! אַזאַ באַפעל נאָך קיינמאָל ניט געווען!

עסרעג

ווי דען, איר מיינט, מע וועט קאַטאָוועס טרײַבן?

ס'איז טאַקע דאָך אַן אומדערהערטע זאַך!

אַז שקאָצים — ייִנגלעך, מיידלעך, טאָג ווי נאַכט

זיי קלײַבן זיך צונויף דאָ פראַנק און פרײַ

און ווילן איבעראַנדערשן די וועלט!

ערשטער גאַראָדאָווי

אַוועק! אַוועק! צעגייט זיך...

ע ס ד ע ג

קומט אוועק!

קיין ייִדן זאָל, כאָלילע, נאָר ניט שאטן...

(פונעם פארק גייען ארויס ארבעטער, קלייַבן זיך רעדלעכווייַז בא די פאנאנדערגעקלעפטע באפעלן)

ש נ ייַ ד ע ר

איר מיינט אוואדע, זיי דערשרעקן זיך,

אָט טוט א קוק, איר האָט זיי דאָ שוין אלע!

אָט טוט א קוק...

(ארבעטער בא די באפעלן)

ז י ל ב ע ר ש ט יי ן

איך זאָג אייַך און מיט מיר צוזאמען

וועט זאָגן אייַך דער קאָמיטעט פון „בונד" —

דער גרעסטער טאָעס וואָלט געווען אצינד

די מאסן רופן צו א דעמאָנסטראציע.

ש יי נ ע

דערפאר ווייַל איר און נאָך אזעלכע

דערשרעקן זיך פאר יעדערן באפעל...

נאָר די באוועגונג קאָן ניט בלייַבן אייביק

באהאלטן און דערשטיקט אונטער דער ערד, —

מיר וועלן קיינמאָל דאָך אזוי ניט וואקסן!

ל ע ק ע ר ט

מיר מוזן ענטפערן אף דעם באפעל.

דער בעסטער ענטפער איז — א דעמאָנסטראציע.

ז י ל ב ע ר ש ט יי ן

מיר האָבן ניט קיין קויעך דאָס צו טאָן,

מיר זייַנען אָפגעשוואכט פון די ארעסטן.

שיינע

אָט טאקע ווײַל מיר זײַנען אָפּגעשוואכט,
איז נייטיק אופצומונטערן די מאסע,
און אונדזער קריעג וואקסן וועט אין קאמף.
מיר זײַנען ניט אליין... מיט אונדז צוזאמען
אָט זײַנען גרייט ארויסגיין אפ דער גאס
די פוילישע און ליטווישע כאוויירים.

זילבערשטיין

אין זייער גרייטקײַט גלייב איך נאָך ניט שטארק.

סענדעראצקי

ניין, בעסער זאָגט, איר ווילט אין דעם ניט גלייבן,
איר היט די אָפּגעזונדערטקײַט פון „בונד".
און איך וויל איצטער אײַך אנטוישן:
מיר זײַנען גרייט צוזאמען מיטן „בונד"
די דעמאָנסטראציע גרייטן. און צוזאמען
ארויסצוטרעטן אפ דער גאס.

זילבערשטיין

וואָס הייסט בא אײַך: צוזאמען מיטן „בונד"?
אין וועמעס נאָמען רעדט איר דאָס אזוי?
איר זײַט א הײַפל ארבעטער געציילטע.

שיינע

אהא! ער זינגט שוין ווידער אונדז די אלטע ליד:
„דער בונד איז איינער... מער ניט קיינער"...

זילבערשטיין

צי איינער, צי ניט איינער... נאָר גענוג,
אז האיאָר זאָל דער ערשטער מײַ
בא אונדז געפײַערט ווערן נאָר דורך שטרײַקן.

פ ײַ ו ל

א שטרײַק וועט דורכגיין שטיל און ניט באמערקט, —
די פּאָליציי וועט האָבן רעכט צו מיינען,
אַז אונדז האָט אָפּגעשראָקן איר באַפעל.

ל ע ק ע ר ט

א שטרײַק דאָס איז א וואָכעדיקע זאַך.
און איך האָב ליב, אַז קאַמף זאָל זײַן א יאָנטעוו.

ז י ל ב ע ר ש ט ײ נ

נאָר דאָס איז א פֿאַרברעכן פאר דער מאסע, —
זי פירן אַפּ אומזיסטיקע קאָרבאָנעס.

ש ײ נ ע

קאָרבאָנעס טראָגן מיר דאָך יעדן טאָג,
נאָר דאָס שטעלט אונדז ניט אָפּ פון קעמפן ווײַטער.
ניט יעדער קאָרבן פירט אונדז גלײַך צום זיג,
נאָר יעדער קאָרבן אונדזער זיג דערנענטערט.
דאָס הייבט אוף נײַע ארבעטער צום קאַמף,
דאָס ברייטערט און מאַכט שטאַרקער די באַוועגונג.

ז י ל ב ע ר ש ט ײ נ

נאָר דאָס וועט זײַן א שריט א ניט־באַטראַכטער.

ש ײ נ ע

ניין, דאָס וועט זײַן א שריט אַן אומדערוואַרטער:
אינמיטן גאַס, אינמיטן העלן טאָג —
א כוואַליע פון א טויזנטיקער מאַסע,
און מיר צעוויקלען דאָ די רויטע פאָן,
זי ברענט און בלענדט די אויגן און זי פלאַטערט...
איין גוטע דעמאָנסטראַציע אזא
איז מערער איידער אַלע שטילע שטרײַקן!

(א רעדל ארבעטער רעאַגירט מיט באַוועגונגען אַפּ שיינעס ווערטער)

זילבערשטיין (פארלוירן)

ס'הייסט אונטערשטעלן א געזונטן קאָפּ
פאר גרייטע קלעפּ... פאַן-וואל וועט זײַן צופרידן:
ער דארף מער ניט, ער קוקט דערופ ארויס.
נאָר פרעגט אפריער די מאסע, צי זי וויל דאָס?

שיינע

די מאסע איז שוין ניט באפרידיקט מער
מיט קליינעם קאמף פאר וואָכעדיקע נויטן,
עס האָט שוין אָנגעריפט אין איר און ברויזט
א קראפט אזא, וואָס שטויסט צו גרויסע קאמפן.
פון אָט דער רײַפער אינערלעכער קראפט
וועט זײַן די דעמאָנסטראציע אן אויסדרוק.

גאָראָדאָווױ

אוועק! אוועק! אוועק! אײַדא! צעגייט זיך!

(עס הייבט זיך אָן אן אָנגעלויף)

שנײַדער

וואָס איז שוין דאָרטן פאר אן אָנגעלאָף?

עסרעג

מע לויפט! מע לויפט!

(עס לויפן דורך ארבעטער, קוילעס)

יינגל (לויפט)

מע טרײַבט די בירזשע! מע טרײַבט די בירזשע!

(רײַסט אראָפּ די פאנאנדערגעקלעפּטע באפעלן)

שנײַדער

איר הערט! איר הערט!
די בירזשע זייערע צעטרײַבט מען...

עסרעג (אָפּטרעטנדיק)

גוט!

ס'זאָל נאָר זיך אויסלאָזן צו זייער קאָפּ,
עס זאָל קיין ייִדן ניט שאטן! גאָט!

(אָפּ. עס לויפן דורך עטלעכע ארבעטער)

1־טער ארבעטער

מע טאָר ניט שווײַגן!

2־טער ארבעטער

באַווײַזן אז מע קאָן אונדז ניט דערשרעקן!

3־טער ארבעטער

א דעמאָנסטראציע דעם ערשטן מײַ!

(אָפּגעריסענע געשרייען. פּויזע. עס קומען צוריק דער גאַראָדאָווי מיטן קלעפּער)

גאָראָדאָווי

אראָפּגעריסן שוין. קלעפּ ווידער אָן!

קלעפּער (קלעפּט)

קלעפּ יאָ, קלעפּ ניט, עס וועט שוין גאָרניט העלפן.

גאָראָדאָווי

ניט רייד! ניט רייד! מע הייסט דיר, הער און קלעפּ!

קלעפּער

ניט דאָ, איז וועלן זיי אן אנדער אָרט געפינען —
קלעפּ יאָ, קלעפּ ניט!

פאָרהאנג

צווייטער אקט

ערשטע סצענע

פאָנ־וואלס קאבינעט. פאָנ־וואל פארטיפט אינ פאפירנ. קלײַבט לאנגזאמ איבער. אדיוטאנט ווארט.

פ אָ נ־וו א ל
נו, זאָל ארײַנגײנ דער זשידאָווסקי ראבינ.

א ד י ו ט א נ ט
כ'הער, אײַער עקסעלענצ.

(אָפּ)

פ אָ נ־וו א ל (אלײנ. אופגעריסנ א פאקעט, שפרינגט אופ אנ אופגעבראכטער)

פארשאָלטענע זשידאָווסקע שטאָט.
קײנ טאָג קײנ רויִקער נאָכ ניט געווענ דאָ.
ניט אָפּצושטעלנ זײ מיט קײנע שטראָפ.
די שטרענגסטע מיטלענ שרעקנ זײ ניט אָפּ.
עס העלפט ניט אויסערגעוויינלעכער צושטאנד.
כאָטש רופ דעם ראבינ זײערנ צוהילפ.
(אדיוטאנט בא דער טיר לאָזט דורכ דעמ ראָוו. פאָנ-וואל הײבט זיכ אופ צאָרנדיק קעגנ אימ)

פּאָנ־וואַל

איך האָב גערופן אײַך אהער, קעדיי
מײַנ גרויסע אומצופרידנקײַט אײַך מעלדנ...
צי שפּירט איר נאָכ גענוג נאָכ אײַער יוגנט,
צי ווייסט איר וועלכע פלענער זי פאַרטראַכט?

ראָוו

אוועלכער מענטש און וועלכער ייִד באַזונדערס
אפ גוטע קינדער בעט ניט יעדנ טאָג?
נאָר ווער קאָנ נאָכשפּירנ נאָכ די מאַכשאָוועס
אפילע בא זײַנ אייגנ קינד אינ האַרצ?

פּאָנ־וואַל

איר האַלט ניט אײַנ גענוג די יונגע ייִדנ,
איר גיט אפ זיי ניט אַכטונג ווי געהעריק!
איר זײַט דער גײַסט־פירער פונ אײַער קאָהאָל,
און ס'ליגט אפ אײַך די שולד פאַר יעדנ טאַט,
וואָס עס באַגייט א מענטש פונ אײַער גלויבנ.
איצט גרייטנ זיך די ייִדנ אײַערע
אַרויסצוטרעטנ אָפנ קעגנ קייסער...
איך דאַרפ אײַך וואָרענענ, און איר פונ זיך
דאַרפט וואָרענענ און אָנזאָגנ די ייִדנ:
די שולדיקע דערוואַרט א שטרענגע שטראָפ,
און זייער שולד וועט זײַנ, אויב ס'וועט דער צאָרנ
זיך אויסלאָזנ צו אײַער גאַנצנ קאָהאָל!

ראָוו

אינ יעדער סטאַדע, אײַער עקסעלענצ,
זײַנענ פאַראַנ פאַרשיידנערליי שאָפ:
די ייִדנ, וועלכע זײַנענ גרייט מיכ פאָלגנ,
זיי זײַנענ גרייט נאָכ גיכער פאָלגנ אײַך.

זיי זײַנען טרײַ דעם אויבערשטן אין הימל,
זיי זײַנען טרײַ דעם קייסער אף דער ערד.
נאָר קאָן מען דען באשולדיקן א קאָהאָל
פאר יענע ייִדן, וועלכע פאָלגן ניט?..
זיי ווידערשפעניקן אין אונדזער גלויבן,
און אונדזער טוירע איז פאר זיי ניט הייליק,
זיי זײַנען אונדז א שטראָף, געשיקט פון גאָט,
און נאָר אף זיי דארף פאַלן אײַער צאָרן.

פ אָ נ־וו א ל

עס איז דער גאנצער וועלט באוווסט, ווי שטארק
די ייִדן זײַנען צווישן זיך פארבונדן,
און אויסער דעם האָט יעדערער פון זיי
א טאטן און א מאמען, שוועסטער, ברידער.
די עלטערע זײַנען מעכוייעוו ווירקן
און אָפּהאלטן די ייִנגערע פון שלעכטס.

ר אָ וו

געוויס האָט יעדערער פון זיי א טאטן
און אויך א מאמע...
און ווער עס האָט א ווײַב...
אף די נעפּאשעס טוט שטארק ווי דאָס הארץ,
זיי לײַדן, נעבעך, ניט פאר זייער שולד.
וואָס גייט דען אָפּ אזעלכע העפּקער־יונגען,
וואָס האָבן אויסגעטאָן זיך פונעם קלאל!..
פאר גאָט קיין מוירע האָבן זיי דאָך ניט,
פאר לײַטן איז ביטאָ קיין דערעכערעץ...
זיי טוען אָפּ זיך רויִק זייער זאך
און ווילן קיינעמס טאכלעס ניט באזאָרגן,
ווײַל סכאקל איז די שטראָף זיי ניט קיין שטראָף:

איר וועט זיי ארעסטירן — ארט זיי ניט;
איר וועט פארשיקן זיי — איז זיי ניט שלעכט!
זיי ווערן דעמלט פריַ פון יעדער זאָרג
און ווארפן גאָר אראָפּ שוין אלע אָלן.
(פאָן־וואל מיט בײַגעריקטײַט הערט זיך איַין. פאוזע)

פ אָ נ-וו א ל

איך הער איַיך גערן, זייער גערן, רעדט!

ר אָ וו (דרייסטער)

אזעלכע דארף מען אָנלערנען גאָר אנדערש:
געכאפּט אזא מין אויסוואורף, א יונגאטש —
און... אָפּגעשמיסן!.. ער זאָל לאנג געדענקען.
ניטאָ קיין בעסער מיטל איידער שמיץ.

פ אָ נ-וו א ל

און דאָס וועט העלפן?

ר אָ וו (נאָך דרייסטער)

איַי, וואָלט דאָס געהאָלפן!
ווייַל אז מע שמײַסט אין הינטן, קריכט אין קאָפּ...
(פאוזע)
ס'וואָלט יעדערער פון זיי פארזאָגט א צענטן.
און יעדער טאטע וואָלט געזאָגט א דאנק,
און מאמעס וואָלטן זיי פארשפּאָרט באוויינען.
(אדיוטאנט קומט אריַין)

א ד י ו ט א נ ט

פּאָלקאָווניק באָגאלײַ...

פ אָ נ-וו א ל

פארבעט אהער.
(צום ראָוו)
איך האָב איַיך גערן אויסגעהערט. אדיע.
(דער ראָוו לאנגזאם אָפּ. עס קומט אריַין באָגאליי)

באָגאַלײ

דערלױבט צו מעלדן, אײַער עקסעלענץ,
פאַראַן יעדיִעס פון א פעסטן קוואַל:
די ארבעטער...
זײ האָבן אפן ערשטן מײַ
באשטימט ארױסצוטרעטן אין די גאסן...

פאָנ־וואַל

פארווערן! ניט דערלאָזן! האלטן גרײט
קאָזאקן, פּאָליצײ און זשאנדארמעריע!

באָגאַלײ

פאַראַן יעדיִעס, אײַער עקסעלענץ,
זײ האָבן אָפּגעהאלטן א פארזאמלונג
דעם לעצטן שאבעס אין זארעטשיער וואַלד.

פאָנ-וואַל

ווער האָט דערלאָזט די דאָזיקע פארזאמלונג?

באָגאַלײ

איך האָב באצײַטנס, אײַער עקסעלענץ,
דער פּאָליצײ דערפון געלאָזט צו וויסן.

פאָנ־וואַל

און זי איז באלד געקומען אפן אָרט?

באָגאַלײ

צו שפּעט, ווען אלץ איז שוין געווען פארענדיקט.

פאָנ־וואַל

צו שפּעט! וואָס איז דאָס פאר א פּאָליצײ,
וואָס זי פארשפּעטיִקט אומעטום און שטענדיק!!

באָגאלײ

אפ דער פארזאמלונג, אײַער עקסעלענצ,
איז אָנגענומען א באשלוס:
ארויסטרעטן דעם ערשטן מײַ
מיט רויטע פאָנען איבער אלע גאסן...
א מאנ דרײַ הונדערט זײַנען דאָרט געווען..

פאָנ־וואל

אלצ זשידעס?

באָגאלײ

יאָ, מער ייִדן, ארבעטער.

פאָנ־וואל

אונ דורכגעלאָזט! אונ קײנעם ניט פארהאלטנ!
(אופגעבראכט)
דעם פאָליצמײסטער די מינוט אהער!
(אדיוטאנט ווארפט זיך צו דער טיר)

אדיוטאנט

זײ ווארטנ שוינ דאָרט, אײַער עקסעלענצ!

(צעעפנט די טיר. עס גײט ארײַנ נאזימאָוו)

פאָנ-וואל

אנ אומדערהערטע זאך, הער פאָליצמײסטער!
עס קומענ פאָר פארזאמלונגען פארווערטע
אונטער דער נאָז בא אײַער פאָליצײ...
איר הערט ניט אונ איר זעט ניט, איר פארשפעטיקט...

נאזימאָוו

אנטשולדיקט, אײַער עקסעלענצ....

פאָנ-וואל

ניינ, שווייַגט,
איר האָט געקאָנט ארומרינגלענ דעמ וואלד,
איר האָט געקאָנט דרייַ הונדערט מאנ פארכאפנ...
געוויס זייַנענ געווענ דאָרט צווישנ זיי
אזעלכע אויכ, נאָכ וועלכע ס'בענקט די טליִע.

נאזימאָוו

אנטשולדיקט...

פאָנ-וואל

שווייַגט!.. פאַלקאָווניק, איר דערציילט,
ווער זייַנענ זיי די אונטערהעצער דאָ,
ווער וויל דאָס שטארק אזוי א דעמאָנסטראציע?

באָגאליי

מיט יעדנ טאָג אלצ מער פארדעכטיק ווערנ
די ארבעטער... עס שנאָרנ צווישנ זיי
פארברעכערישע אגיטאטערס.
זיי זייַנענ אומעטומ אונ שטענדיק גרייט
זיכ אונטערלייגנ מיט א שוועבעלע
צו אלצ, וואָס קאָנ זיכ אָנצינדנ אונ ברענענ.
ווו ערגעצ א פאבריק, צי א ווארשטאט,
פארשפרייטנ זיי דאָרט פראָקלאמאציעס.
נאָר, וואָס ווארשטאטנ — אייַער עקסעלענצ —
די גאס אפילע ווערט שוינ אויכ פארפלייצט
מיט זייערע פארווערטע פראָקלאמאציעס.

פאָנ-וואל

ניט נאָר די גאס, א שאנד אזא, פאַלקאָווניק,
אינ פּאָסט-קעסטל, וואָס הענגט דאָ אפ מייַנ טיר,

געפינט מען אויך... אָט זעט! אָט זעט! די בלעטלעך!
און קיינעם נאָך ביז איצטער ניט געכאַפּט,
און קיינעם ניט פאַרהאַלטן... פּאָליצמייסטער!
וואָס זײַנען זיי מאַלאָכים אָדער שיידים?..

נ א ז י מ אָ ו

אנטשולדיקט, אײַער עקסעלענץ...

פ אָ נ־ו א ל

ניין, שווײַגט.
מיט אונטערהעצער איז פאַרפולט די שטאָט,
וואָס טוען פרײַ און אָפן זייער ארבעט,
זיי דרוקן און פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס,
פאַרזאַמלען זיך אינמיטן העלן טאָג
און גרייטן צו קראַמאָלנע דעמאָנסטראַציעס,
זיי מוזן זײַן באַוווּסט דער גאַנצער שטאָט,
און קליינע קינדער דאַרפן אויך זיי קאָנען!
עס ווייסט נאָר ניט פון זיי... די פּאָליציי!

נ א ז י מ אָ ו

אנטשולדיקט, אײַער עקסעלענץ, — מיר האָבן
צו שפּעט באַקומען פון זשאַנדאַרמען־טייל
די אָנווײַזונגען וועגן דער פאַרזאַמלונג.

פ אָ נ־ו א ל

צו שפּעט! צו שפּעט! איר ביידע זאָגט: צו שפּעט.
איז ווער פון אײַך האָט סאָפּקאָלסאָפּ פאַרשפּעטיקט?!
איר זײַט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אײַער פּאָליציי,
און אײַך איז אָנגעטרויט די זשאַנדאַרמעריע.
די זשאַנדאַרמעריע און די פּאָליציי —
זיי זײַנען דאָך צוויי זײַלן פון איין בנין,

זיי דארפֿן זײַן צוויי קלעמלעך פֿון איין צוואנג.
איין האנט, איין ווילן האלט די ביידע קלעמלעך,
און ביידע דארפֿן קוועטשן מיט איין קראפֿט.
עס טאָר ניט ווערן אָפּגעשוואכט איין קלעמל,
ווײַל דעמלט איז די צוואנג שוין ניט קיין צוואנג.
צי דער, צי דער, — נאָר איינער האָט פֿארשפּעטיקט,
נאָר איינער האָט ניט אויסגעפֿילט זײַן פֿליכט
און אָפּגעשוואכט דעם דרוק פֿון ביידע קלעמלעך...
איצט קאָנט איר ביידע גיין... ניין, ביידע ווארט!
עס טאָר ניט פֿאָרקומען די דעמאָנסטראציע,
דערשטיקן, אָפּהאקן דעם מינדסטן פּרוּוו!
איז גייט און גלײַך נעמט אָן די שטרענגסטע מיטלען
און גרייט זיך צו צו זייער ערשטן מי.

(מיד, קערעוועס זיך אָפּ. פֿארלאָזט דעם קאבינעט. איינער נאָכן אנדערן
גייען צו דער טיר באַגאליי און נאזימאָוו. אדיוטאנט אליין)

אדיוטאנט

נו, האָט ער זיי ארײַנגעטיילט א ביסל!
זיי וועלן ביידע דאָס געדענקען לאנג.
א פּאכדן און א קאריערי סט א מיִעסער —
און דאָס זײַנען די קלעמלעך פֿון דער צוואנג.

צווייטע סצענע

גאס אין ווילנע. די קראָמען פארמאכט. די טויערן געשלאָסן. פוסט. יאנקל און דאָס יִנגל ווילן דורכגיין דורך א טויער. דער וועכטער פאר־צוימט זיי מיט א פלאָקן דעם וועג.

וועכטער

גייט, גייט, מע זאָגט אײַך — הײַנט איז ניט באפוילן
אײַך דורכצולאָזן דאָ... גייט... גייט...

יאנקל

אָט נא, אָט האָסטו, אָפּגעזאָגט א מעמרע —
און גיי און טו אים עפּעס... נו, לאָז דורך!

וועכטער

איר זײַט שוין דאָ גענוג זיך אָנגעגאנגען —
ביטאָ דאָ מער קיין וועג פאר אײַך!

יִנגל

לאָז דורך,
מיר דארפן דורכגיין אַף דער דײַטשער גאס.

וועכטער

מע זאָגט דאָך דיר, אז הײַנט איז ניט באפוילן

אײַך דורכצולאָזן אַפּ דער דײַטשער גאַס.
מע האָט דאָרט אײַער דעמאָנסטראַציע אָפּגעשאַפּט.

(קומט צו לויפן א ייִדענע, כאַפּט דאָס ייִנגל, שלעפּט אים פונעם טויער)

יִידענע

אהיים, אהיים! זאָלסט באַלד מיר גיין אהיים!

ייִנגל

און צו דער דעמאָנסטראַציע — דו וועסט גיין פאַר מיר?

ייִדענע

וואָס זאָגט איר, ווער עס גייט צו דעמאָנסטראַציעס!
גוואַלד, גאָט!
פאַרוואָס קומט דאַפקע מיר אַזאַ מין קינד?

יאַנקל (רײַסט בא איר ארויס דאָס ייִנגל)

וואָס האָט איר זיך צעיאַכמערט? זאָל ער גיין.

ייִדענע

אוועק! אוועק! וואָס שלעפּסטו אים אהין,
פונוואַנען וועסט דער ערשטער דאָך אַנטלויפן?

יאַנקל

אָט נאַ, אָט האָסטו, אָפּגעזאָגט א מעמרע —
ווער, איך אַנטלויפן וועל?

(צום ייִנגל)

וואָס הערסטו? קום?

(גייען דורך שנעל פאַרבײַ דעם וועכטער. די ייִדענע וואַרפט זיך נאָך זיי מיט געשריי: „ניט גייט, ניט גייט". דער וועכטער פאַרשטעלט איר דעם וועג)

וועכטער

צוריק! צוריק!

מע זאָגט דאָך דיר, אז הײַנט איז ניט באפוילן
אײַך דורכצולאָזן אפ דער דײַטשער גאס, —
מע האָט דאָרט אײַער דעמאָנסטראציע אָפּגעשאפט.

(שטויסט די יידענע אלץ ווײַטער. עס קומען אָן לעקערט פון איין זײַט,
פײַוול פון א צווייטער)

לעקערט

א, פײַוול! נו, וואָס הערט זיך אפ דער גאס?

פײַוול

עס הערט זיך גוט. מיר וועלן, הירשל, באלד
אזא מין דעמאָנסטראציע פארגעבן,
אז סאָנים וועלן קריצן מיט די ציין...
נעם זע, וואָס פאר א פײַנע פראָקלאמאציע
מיר וועלן באלד פארשפרייטן אומעטום...
א פרישינקע, ערשט פונעם פרעס ארויס.
(ביידע לייענען)
עס ווערט דאָ גוט ארײַנגעזאָגט פאָן-וואלן,
ער וועט דאָס לייענען און וועט שפרינגען פון דער הויט.

לעקערט

אײַ, גוט געזאָגט! אײַ, גוט ארײַנגעזאָגט!
דאָס איבערלייענען — קאָן מען קליגער ווערן.

פײַוול

און פײַן באשריבן דעם פאָלקאָווניק באָגאליי
צוזאמען מיט זײַן סאָניע שערעשעווסקי,
זי זאָל זיך שעמען כאָטש ארויסצוגיין אין גאס...

לעקערט

איר אויך! איר אויך! געלאָזט פארפירן זי...
וואָלט מען געוואָלט, וואָלט מען געקאָנט פארהיטן,
זי זאָל ניט ווערן בלינד פארפירט!

פ ײַ ו ל

פארפירט!

מיסטאמ האָט מען זי קינדווײַז שטארק געפּעסטעט,
דערפאר איז איצטער גרינג זי צו פארפירן.
אָט פּרווו פארפירן שײנען, וועסטו זען...

ל ע ק ע ר ט

ווו איז אצינדערט שײנע?

פ ײַ ו ל

לויפט ארום

און גרײט דעם אוילעם צו דער דעמאָנסטראציע.
אוועק אצינד צו מאָטל עסרעג אינ ווארשטאט.
וואָס האָסטו וואָס צו קלערן — שײנע איז א יאט!

ל ע ק ע ר ט

מע קאָן ניט אײנע מיט דער אנדערער פארגלײַכן...
אָט: סאָניע!.. כ'האָב ניט אזא וואָרט...
איך וואָלט מיט סאָניען דאָך געוואָלט זיך זען,
כאָטש נאָכאמאָל מיט איר זיך דורכרײדן.

פ ײַ ו ל

ניטאָ מיט איר שוין וואָס צו רײדן מער,
קום ערגעץ אנדערש רײד... אין יעדער קרײַזל
איז נוצלעך איצט אן איבעריקער מענטש...

ל ע ק ע ר ט

וואָס קאָן איך דאָרטן רײדן... ווײסט דאָך וויל,
אז רײדן בין איך טעמפּיק אפן צונג —
אָט זאָלן רײדן אנדערע... און איך...

אויב מע וועט דארפנ מיכ אונ מײַנע הענט
אונ מײַנע פויסטנ — בינ איכ שטענדיק דאָ.
(טומל. עט באווײַזט זיכ מאָטל עסרעג, וועלכער שלעפּט שײנענ.
זילבערשטײנ גײט נאָכ א הילפלאָזער, פארלוירענער)

עסרעג

קומ, קומ, אָט רופ איכ באלד א גאָרדאָווי,
וועט זײַנ א וויסטע קלאָג צו דײַנע יאָרנ...

זילבערשטײנ (פרוווט ארויסרײַסנ שײנענ)

רעב מאָטל, לאָזט זי אָפּ, איכ וואָרנ אײַכ...

עסרעג

ווי הײסט! זי קומט צו מיר, אינ מײַנ ווארשטאט,
אונ ברענגט מיט זיכ א פּאק מיט פּראָקלאמאציעס,
אונ רעדט אָנ מײַנע מענטשנ צו א שטרײַק,
אונ מאכט בא מיר אינ שטוב א פינצטערע בעהאָלטע,
אונ זאָגט נאָכ, אז זי הערט מיכ ווי דעמ טע־רעק.
נײנ, קומ, איכ וועל מיט דיר שוינ לערנענ באָלעק!
קומ! קומ! איכ וועל דיר ווײַזנ, ווי געהעריק!

לעקערט (טרעט ארויס פאָרויס)

שא! שטײט! ווּהינ האָט איר זיכ דאָס אזוי צעלאָזט?
וואָס שווײַגסטו, שײנע? שפּײַ אימ אָנ אינ פּאָנעמ...
(עסרעג דערשטוינט מיט אנ אָפּענעמ מויל, קאָנ קײנ וואָרט ניט ארויסריידנ).
ליפּ, פּײַוול, רופ אהער א צווײ — דרײַ יאטנ,
וועט זײַנ א רועכ אינ זײַנ טאטנס טאטנ...
(עסרעג וויל אָפּטרעטנ)

שײנע

די פּראָקלאמאציעס נעמט אָפּ בא אימ.

עסרעג (טוט א שלײַדער א פעקל פראָקלאמאציעס)

נא, נעמ דיר זיי! מיינסט טאקע, כ'דארפ דאָס האָבנ?
איכ האָב דאָס צוגענומענ אינ א שפּאס,
געוואָלט זי אָנשרעקנ אפּ א געלעכטער —
כ'האָב גאָרנישט ניט געמיינט דאָ... אָסער...
ווי קאָנט איר טראכטנ,
אז א ייִד קאָנ זײַנ א מאָסער!

לעקערט

פּארנעמט זיכ גלײַכ...

עסרעג (דערשראָקנ)

ניט שרײַ, ניט מאכ קיינ טומל,
איכ בינ געווענ אמאָל דײַנ באלעבאָס...
אונ אויב ווערסט דארפנ, קאָנסטו ווידער קומענ...
מיר וועלנ דורכקומענ...
מיר וועלנ דורכקומענ...

פּײַוול

וואָס זאָגט איר עפּעס, ווי ער מאכט זיכ פּויל!
א מיִעסער ייִד... פּארנעמט זיכ גלײַכ פּונדאנענ.
(זילבערשטיינ ווארפט זיכ צווישנ עסרעגנ אונ פּײַוולען. עסרעג טרעט אײַליק אָפּ)

לעקערט

א שאָד, איכ וויל ניט פּאטשקענ זיכ דאָס מויל —
איכ וואָלט ארײַנגעזאָגט אימ... אינ זײַנ מאמענ...

שיינע

גייט, נעמט אראָפּ די ארבעטער בא אימ.
זיי ווילנ אלע צו דער דעמאָנסטראציע,
אונ ער האָט זיי פּארשפּארט דאָרט אינ ווארשטאט.

פ ײַ וו ל (לאָזט זיך גײן)

דערקלערן אים א שטרײַק!

ל ע ק ע ר ט

נײן, בעסער קלעפּ!
(אָפּ נאָך פּײַוולען)

ש ײ נ ע

איז הײסט עס באַלד בא אונדז א דעמאָנסטראַציע,
האַ, זילבערשטײן?

ז י ל ב ע ר ש ט ײ ן

א דעמאָנסטראַציע, שײנע, נאָך א מין!
דער קאָמיטעט באַשליסט, — איך פאָלג, איך גײ מיט פרײד.

ש ײ נ ע

אָט זאָל שוין גיכער קומען סענדעראַצקי
און זאָל שוין ברענגען אונדז א פרײלעך נײַס,
אַז די פּאָליאַקן גײען אויך מיט אונדז...
אָט דאָס וואָלט הײַנט געווען א דעמאָנסטראַציע!
ווען ס'גײען אַלע אַרבעטער ווי אײנער —
די ייִדישע, די פּוילישע, די ליטווישע
אינאײנעם!..

ז י ל ב ע ר ש ט ײ ן

און איך! וואָס מײנט איר? איך בין קעגן דעם?
נאָר מײלע, צי זײ וועלן גײן, צי נײן —
דאָס ערשטע אָרט געהערט דעם „בונד" אַלצײנס.

ש ײ נ

וואָס ווילט זיך אײַך? זײַן אײנער אף דער גאַס?
געדענקט: אַז אָך און ווײ וועט זײַן צו אונדז,

אויב מיר וועלן דערלויבן, אז דער „בונד"
זאָל אָפּצוימען אונדז ווי א וואנט
פון גאנצן רוסלענדישן ארבעטער־קלאס.

זילבערשטיין

איז נעמט צעלאָזט דעם „בונד" און גייט צו זיי!

שיינע

איך ווייס ניט, ווער באדארף צו וועמען גיין,
צי זיי צו אונדז, צי מיר צו זיי, —
נאָר, זילבערשטיין! וואָלט דען ניט בעסער זיין
איין גרויסע שטארקע ארבעטער־פארטיי!

(עס קומט אָן סענדעראצקי. שיינע ווארפט זיך צו אים)

נו, סענדעראצקי, דיינע גייען? ווו?
ווו זיינען זיי?

סענדעראצקי

מע גייט! מע גייט!
זיי קלייבן זיך שוין אפּ דער דייטשער גאס...

(עס קומען אָן ארבעטער)

שיינע

גייט, גייט אהין. פארנעמט די טראָטוארן,
שפּאנט היין און צריק אוןווארט אפּ א סיגנאל.

(אלע אָפּ. עס קומען צוריק פייוול, לעקערט, דערנ;כ סאָביע)

פייוול

א ווילער טאָג איז היינט! א ווילער טאָג!
וואָס זאָגסטו, ווי עס זיינען פול די גאסן!
נו, הירשל, האָב איך דיר דען ניט געזאָגט,
מע קאָן זיך שוין פארלאָזן אפּ דער מאסע!

לעקערט

קום גיך אהין!

סאָניע

וואַרט, הירשל, נאָר איין וואָרט...

פּײַװל

וואָס דאַרף זי דיך?

(לעקערט שטעלט זיך אָפּ)

דו בלײַבסט? איך גיי אַוועק.

לעקערט (צו סאָניען)

זאָג, גיכער, נו,

ניטאָ אַצינד קיין צײַט פאַר לאַנגע רייד.

סאָניע

ניט גיי אַליין און לאָז ניט אַנדערע גיין,

איר ווייסט דאָך קיינער ניט,

וואָס אײַך דערוואַרט...

לעקערט

אָט דאָס ביסטו געקומען זאָגן איצט?!

איז קום — וועט יעדער איינציקער דיר זאָגן,

וואָס ער דערוואַרט פון דײַנע גוטע פרײַנט...

ניין, קיינער וועט מיט דיר ניט וועלן ריידן.

(וויל אַוועקגיין, קערט זיך אום)

כ'וואָלט אויך באַדאַרפט פון דיר זיך האַלטן ווײַט...

באַטראַכט זיך, סאָניע,

אויב דו האָסט נאָך צײַט...

(שנעל אָפּ. סאָניע אַליין. נאָזימאָוו, אָקאָלאָדאָטשנע און גאָראָדאָוויטש אויף דער גאַס)

נ א ז י מ אָ ו ו

שטייט דאָ און לאָזט ניט קיינעם דורך,
און ווער עס וויל זיך דורכרײַסן — איבערן קאָפּ!

(וואַרפֿט זיך צום טויער, שלעפּט אַרויס דעם וועכטער)

אָט דאָ! אָט דאָ האָב איך באַפֿוילן שטיין!
קיין טראָט זאָלט איר ניט אָפּטרעטן פֿונדאַנען.
די לאַך אין פֿענצטער רופֿט אַליין דעם גאַנעוו!

(שנעל אָפּ. טומל. אָפּגעריסענער געזאַנג. אָנגעלויף. די ייִדענע לויפֿט)

י י ִ ד ע נ ע

מע האַרגעט דאָרט!
מע שלאָגט דאָרט!
אוי!
מײַן קינד! מײַן קינד!

(געלויף. אַרבעטער מיט אַ פֿאָן לויפֿן פֿלינק דורך. גאָראָדאָוויעס נאָך
זיי. געראַנגל)

ק ו י ל ע ס

אַראָפּ די זעלבסטהערשונג!

ע ס ר ע ג (לויפֿט אַרויס אַ צעטומלטער)

פֿאַרמאַכט די קראָמען!
פֿאַרמאַכט! פֿאַרמאַכט! פֿאַרמאַכט!

(געלויף)

ש נ ײַ ד ע ר (לויפֿט אַרויס אַ צעטומלטער)

וואָס האָט געטראָפֿן? זאָגט, וואָס קומט דאָרט פֿאָר?

(אַרבעטער לויפֿן)

ק ו י ל ע ס

אַראָפּ די זעלבסטהערשונג!

עסרעג

איך הערט דאָך!

ניקאָלײַ געפּעלט זיי ניט פאר קייסער...

(נײַע כװאליעס ארבעטער יאָגן דורך)

קוילעס

אראָפּ די זעלבסטהערשונג!

אראָפּ די זעלבסטהערשונג!

(װײַטער אָפּגעריסענער געזאנג)

דריטע סצענע

א לאנגער קאָרידאָר אינ דער טורמע באמ פאָליציי־הויז. א ריי טירנ מיט פירעקיקע אייגעלעכ פונ די קאמערנ. בא איינער א טיר שלאָגנ צוויי קאָזאקנ אנ ארעסטירטנ.

1-טער קאָזאק

דערהארגעט...

2-טער קאָזאק

ניינ, פארטײַעט.

1-טער קאָזאק

נו, גענוג...
ער וועט קיינ דעמאָנסטראציעס מער ניט וועלנ,
דערלאנג אהערצו וואסער, גיס אימ אָפ.

2-טער קאָזאק

דער רועכ וועט אימ אָנ וואסער אויכ ניט נעמענ,
אזעלכע האלטנ די נעשאָמע שטארק.

(נעמט דעמ ארעסטירטנ פאר די פיס)

נו, נעמ אימ פארנ קאָפ!

(ביידע צעהוידענ דעמ ארעסטירטנ אונווארפנ אימ ארייַנ אינ קאמער)

אהין! צו דיינע!
אײַך אלע דארף מען לערנען אָט אזוי.

(מע ברענגט נאָך ארקעסטירטע, דער 2־טער קאָזאק שטויסט זיי איינציק־ווייז אין קאמער)

אר, זשיד! אָט, נא דיר פרײַהײַט! נא! אָט נעם!

1־טער קאָזאק

א טראכט טאָג נאָר, וואָס קריכן זיי, אזעלכע,
זיי ווייסן דאָך מיסטאמע, וואָס זיי דערוואַרט.
כ'פארשטיי נאָך די, וואָס גייען מיט א באָמבע,
נו, יענע איז ניט שרעקלעך קיין שום זאך...
אזעלכער, אָדער דו דערהארגעסט אים,
נאָר זיכערער, אז ער דערהארגעט דיך...
און די — זיי קריכן דאָך מיט הוילע הענט!
און וואָס פארלאנגען זיי...

2-טער קאָזאק

וואָס די, וואָס יענע,—
מע דארף זיי אלע שלאָגן, דאָס איז גאָר.

1־טער קאָזאק

א טראכט טאָג נאָר, פונוואנען נעמט זיך דרייסטקייט...
א יידישקע אזא, א שווארצינקע...
א שייניקע... האָט היינט זיך מיר געטראָפן.
מיין פערד איז אָנגעפלויגן גלייך אף איר,
און זי — זי ווארפט זיך קעגן מיר מיט פויסטן
און רייסט בא מיר די שווערד מיט הוילע הענט
און שפייט און שרייט: „אראָפ, אראָפ דעם קייסער!"
זי ליגט שוין אונטער טלאָען אף דער ערד—
און שרייט נאָך אלץ: „אראָפ, אראָפ דעם קייסער!"

2־טער קאָזאַק

טסס — שטילער... אָט דערפאַר טאַקע, דערפאַר
באַדאַרף מען שלאָגן זיי...

1־טער קאָזאַק

און נאָר אַ טראַכט טאָן,
פֿונוואַנען נעמט זיך קראַפֿט...

2־טער קאָזאַק

דו, שווײַג! מע גייט...
(עס גייען דורך דער דאָקטער און אַן אַלטער פּאָרעץ)

פּאָרעץ

אַ דאַנק אַ גרויסן אונדזער גובערנאַטער,
ער האָט מיך אײַנגעלאַדן הײַנט אַהער
אַ קוק טאָן, ווי מע שמײַסט אין אײַער צײַט...
נו, צײַטן, צײַטן זײַנען אָנגעקומען,
מע דאַרף דאָ אָפּשמײַסן אַ צענדליק מאַן,
און צוגרייטעניש, ווי צו אַ פּאַראַד.
די גאַנצע פּאָליציי איז אויף די פֿיס,
עס קומט אַהער אַליין דער גובערנאַטער,
און אײַך אַפֿילע, דאָקטער, אויך געבראַכט אַהער.

דאָקטער

נו, איך... מײַן כּיוון איז איצטער דאָ צו זײַן, —
עס קאָן דאָך טרעפֿן... נו... איך מיין...
אַז עמעצן זאָל נייטיק זײַן מײַן הילף...
עס טרעפֿט אַ מענטש, וואָס האָט אַ האַרץ אַ שוואַכס,
ער פֿאַלט כאַלאָשעס בײַ דער צענטער רוט,
און דאָ — אַ צוויי — דרײַ טראָפּן וואַלעריאַנקע,
און אָפּגעמינטערט... און מע קאָן אים שמײַסן נאָך.

פ ר ע צ

ס'איז אלץ דערפאר, ווײַל זעלטן שמײַסט מען איצט.
פאר וויפל יאָר זיך קוים אזעלכס דערוואַרט...
אמאָל, אמאָל אזוי דען פלעגט מען שמײַסן?
מע פלעגט דאָס פּראָסטער טאָן, נאָר גוט און אָפּט, —
געוועט דערפאר געהאָרכזאמקייט און מורא...

ד אָ ק ט ע ר

און איר געדענקט נאָך יענע צײַט?..

פּ אָ ר ע צ

כ'געדענק!
מײַן פאָטער פלעגט זיי שמײַסן אין דער שטאַל,
געשמיסן אָן פאראד, נאָר אָפּט און גוט...
ניין, איצטער וועט מען שוין אזוי ניט שמײַסן!..
ניין, איצטער קאָנט איר ניט
אפילו אָפּשמײַסן אַן וואַלעריאַנקע...
(פארגייט זיך אין געלעכטער)

ד אָ ק ט ע ר

וואָס גלײַכט איר יענע צײַט צו אונדזער צײַט!
דער מענטש ווערט אנדערש איצט געשעצט,
ווײַל איצטער גייען זײַט בא זײַט
די וויסנשאַפט און דער געזעץ...

(פונדערווײַטנס א הויכער דײַטלעכער אויסגעשריי: „סמירנאָ!" פּריס־טאווס, אָקאָלאָדאָטשניקעס, גאָראָדאָוויעס, קאָזאַקן שטעלן זיך שנעל אין א שערענגע לענגאויס דעם קאָרידאָר. אלע פארגליווערטע, מיט פּענעמער געווענדט צו דער זײַט, פונוואַנען עס קומט אָן פּאָן־וואָל באגלייט פון נאַזימאָוון)

נ א ז י מ אָ ו

כ'בין גליקלעך, אײַער עקסעלענץ, צו מעלדן,

ווי גוט און גיך די פּאָליציי האָט היינט
דערשטיקט די אומרוען אַף אַלע גאַסן.
די דעמאָנסטראַנטן אַלע אַרעסטירט,
קיין איינער איז פון זיי היינט ניט אַנטלאָפן,
פאַרהאַלטן אַלע, אייער עקסעלענץ...

פּאָן־וואָל

אַצינד וועל איך אַליין מיט זיי שוין ריידן.
ווו זיינען זיי בא אייך?..

נאַזימאָוו

אייער עקסעלענץ...
אין צווייטער קאַמער האָב איך דרייסיק מאַן,
און פופציק זיצן אין דער פערטער קאַמער...

פּאָן-וואָל (קוקט זיך אַרום)

א פּאַסיק אָרט פאַר זיי! א זיכער אָרט!
דאָ וועלן זיי ניט גיין מיט רויטע פאָנען,
און פרייהייט וועט זיך זיי ניט וועלן מער, —
עס וועט זיי זיין צו פריי אין זייער הויט,
ווען איך וועל זיי די רוקנס מאַכן רויט.
אהער, באַפעלט זיי אַלע, פּאָליצמייסטער!

(נאַזימאָוו אָפּ)

א זיכער אָרט! מיר דאַכט זיך, אָט די ווענט...
ניין, שטאַרקע, גוטע ווענט... און גוטע גראַטעס...
ווען יעדע גאַס זאָל זיין אַזאַ מין גראַטע,
און יעדע שטאָט זאָל זיין אַזאַ מין וואַנט,
וואָלט רוסלאַנד דאַן געווען א רויִק לאַנד.

(נאַזימאָוו, פּריסטאַוו, גאָראָדאָוויעס שטעלן אויס אין א שערענגע די אַרעסטירטע פון דער צווייטער קאַמער)

נ א ז י מ אָ ו ו

די צווייטע קאַמער, אײַער עקסעלענץ!
(א רעגע שווערער שווײַגן)

פּ אַ נ - ו ו א ל

איז אָט דאָס זײַנען זיי! און אָט די ראָבן!
זיי ווילן דאָס פאַרפּיקן אונדזער אָדלער...
ניין, קיינמאָל וועט ניט זײַן דאָס, קיינמאָל ניט!
מיר וועלן הענגען אײַך! מיר וועלן שיסן!..
ס'איז נאָר א שאָד פאַר אײַך דעם קייסערס שטריק.
ס'איז נאָר אין קייסערס אַלע ארסענאַלן
ניטאָ קיין ביקס... אזא פאַרזשאווערטע,
פון וועלכער עס זאָל ווערט זײַן אײַך דערשיסן.
ניין, ריטער! ריטער! דאָס וועט זײַן א שטראָף...
הייסט צוגרייטן די ריטער, פּאָליצמייסטער!
(נאזימאָוו — א ווונק מיט דער האנט. די צוויי קאָזאקן טראָגן בוויי־
הויפנס ריטער)

נ א ז י מ אָ ו ו

אַלץ פאַרטיק, אײַער עקסעלענץ...

פּ אַ נ - ו ו א ל

און איצט—
זשידי, פּאָרויס!
(שטילשווײַגן. קיינער רירט זיך ניט פון אָרט)
פּאָרויס אהער, זשידי!
(קיינער רירט זיך ניט פון אָרט. פּאַן־וואל מאכט א טראָט צו דער
שערענגע. גיט א ווונק נאזימאָוון)

נ א ז י מ אָ ו ו

ווער איז דאָ ניט קיין זשיד, ארויס אהער!
(קיינער רירט זיך ניט פון אָרט. פּאַן־וואל מאכט א צאָרנדיקן טראָט
צו דער שערענגע. בלײַבט שטיין פאַר א פּלוצלינגדיקן אויסגעשריי)

פוילישער ארבעטער

ניט זשידעס, ארבעטער דאָ זײַנען אלע!

פאַן-וואָל

פֿארשטאָפּן אים דאָס מויל! דעם ערשטן — אים,
און נאָך אים אלעמען צו פּופּציק ריטער!
צו פּופּציק! אלעמען! אָן אונטערשייד!

(די צוויי קאָזאקן נעמען דעם ארבעטער. פאַן-וואָל ווענדט זיך צו די יידישע ארבעטער)

איר, בונטאָווששיקעס, זײַט זשידי! זשידי!
ניט יידן, נאָר זשידי! ווײַל יידן זײַנען
די, וועלכע גלייבן אויך אין זייער גאָט,
די, וועלכע גייען ניט מיט רויטע פאָנען,
און יענע יידן ווארטן איצט מיט פרייד
אף אײַער שטראָף...

אלע ארעסטירטע

אראָפּ די זעלבסטהערשונג!

פאַן-וואָל

ווער וואגט! ווער וואגט! צו הונדערט שמיץ זיי אלע!
הייבט טייקעף אָן! איר, דאָקטער, שטייט און קוקט,
ניט אויסהויכן זאָל קיינער די נעשאָמע,
ביז ער וועט אלע הונדערט ניט באקומען.

דאָקטער

כ'הער, אײַער עקסעלענץ...

(פויקן. די עקזעקוציע הייבט זיך אָן. הינטער צוויי אופגעעפנטע טירן — א לאנגע באנק. מע זעט נאָר די שפיצן פיס פון די געפײַניקטע, מע זעט נאָר די קעפּ פון די פײַניקער און די פאָכענדיקע אינדערלופטן ריטער)

פאָנ־וואָל (קלאפּט צו מיטן פּוס אין טאקט צום פּויק)

אזוי! אזוי!
אהער די פּאָנענטרעגער! איר שטייט דאָ.
דאָ וועט איר שטיין און צוזען אײַער ארבעט...
און זיי וועט נוצלעך זײַן צו זעען אײַך,
ווען יעדער רוט וועט צווינגען זיי צו טראכטן,
וווהין איר האָט געפירט זיי און אף וואָס.
(פּויקן)

דאָקטער

וואָס פאר אן אײַנגעאקשנט פאָלק דאָס איז,
קיין איינער האָט נאָך ניט געלאָזט קיין טרערן!
זיי בײַסן זיך די ליפּן ביז צום בלוט,
קעדיי מע זאָל קיין קרעכץ פון זיי ניט הערן.

פאָנ-וואָל

זיי שרײַען ניט! זיי קרעכצן ניט!
(צום ערשטן קאָזאק)
עי, דו!
דו פאָכעסט מיט די ריטער אינדערלופטן,
און קיינעם טוט ניט וויי! פארבײַטן אים!
און שטרענג באשטראָפן...

1־טער קאָזאק

אנטשולדיקט, אײַער עקסעלענצ...

פאָנ־וואָל

שווײַג! מארש!
(שטויסט אים אָפּ מיט די פּיס)
מע האָט דיך שלעכט געלערנט ווי צו דינען,
דײַן שוועע און דײַן פליכט געדענקסטו שלעכט...

איז אָט וווהין עס טרעפט שוין די קראמעֶלע...

(צום פּאָליצמייסטער)

דערמאָנט מיר וועגן אים...

נאזימאָוו

כ׳הער, אײַער עקסעלענץ...

(מע פירט אוועק דעם קאָזאק)

פּאָן־וואל

זעצט פּאָר! זעצט פּאָר! אזוי! אזוי! איינס־צוויי!

ניין, שטארקער, זעלטענער! איינס־צוויי! איינס־צוויי!

(קוילעס פון די געפּײַניקטע)

נאזימאָוו

ער כאלעשט, אײַער עקסעלענץ.

פּאָן־וואל

ניט וויכטיק!

זאָגט, דאָקטער, איר...

דאָקטער (פּרוּווט דעם פּולס)

מע קאָן אים געבן נאָך,

זיי האָבן שטארקע הערצער, אײַער עקסעלענץ...

(אלע שווײַגן. קוילעס פון די געפּײַניקטע. איינע נאָך די אַנדערע פירט מען ארויס אונטער די הענט עטלעכע האלב־טויטע געפּײַניקטע)

פּאָרעץ (שאָקלט צו מיטן קאָפּ נאָך די געפּײַניקטע, פארבײַגט נידעריק דעם רוקן פאר פּאָן־וואלן)

ווי הויך זיי האָבן פריִער דעם קאָפּ פארריסן,

און איצטער עפּעס האלט ער זיך ניט הויך...

ווײַזט אויס, אז איר האָט אויך ניט שלעכט געשמיסן,

ווײַזט אויס, אז ריטער העלפן איצטער אויך!

נאזימאָוו

וווהין זיי איצטער, אײַער עקסעלענצ...

פאָנ-וואל

איצט זאָלנ זיי צעטראָגנ אומעטום
די גאנצע שרעק, וואָס ליגט אפ זייער פּאָנעם, —
דאָס וועט בא אנדערע אפ לאנג, אפ לאנג
דעם כיישעק אָפּשלאָגנ צו רויטע פאָנענ, —
איז עפנט אופ פּאר זיי דעם טויער פרײַ
אונ לאָזט זיי אָפּ, וווהינ די אויגנ קוקנ,
זיי וועלנ לאנג געדענקענ אָט דעם מײַ—
ער איז בא זיי פארשריבנ אפנ רוקנ...

(שטילשווײַגנ)

פאָרהאנג

דריטער אקט

ערשטע סצענע

גאס אינ ווילנע. מאָטל עסרעג זיצט בא דער טיר פונ זײַנ קראָמ אונ פאָרקעט זיכ בא א שוסטערשנ בענקעלע, צו וועלכנ ער קלאפט צו א ווייכ קישעלע. שנײַדער לעבנ אימ.

עסרעג

דעמ דריטנ טאָג אז מײַנע קומענ ניט.

שנײַדער

די זעלבע אויסכאפּעניש אויכ אפּ מײַנע,
זיי הייבנ זיכ ניט אופ דעמ דריטנ טאָג.

עסרעג

מע האָט זיי פײַנ געשמיסנ...

שנײַדער

אלצ הייסט שמײַסנ!
געשניטנ פּאָשעט שטיקער לײַב פונ זיי,
זיי קאָנענ מיט קיינ אייווער ניט קיינ ריר טאָנ.

עסרעג

זיי האָבן קאָשער דאָס פארדינט, א מיצווע!
דאָס האָט זיך גאָט צערעכנט אויך פאר אונדז.
דאָס האָט זיי גאָט באצאָלט פאר אלע שטרײַקן.

שנײַדער

דערווײַל ביז עפּעס לײַדן ווידער מיר...
דרײַ טעג אז קיינער קומט ניט צו דער ארבעט.
ווער ווייסט, צי עמעצער וועט קומען הײַנט.

עסרעג

מע וועט זיך אויסהונגערן, וועט מען קומען...
קיין גראָשן וועל איך זיי ניט געבן פאר די טעג.
בא מיר וועט מײַן בוכהאלטער אלץ פארשרײַבן
און אָפּרעכענען זיי פאר יעדער שאָ,
פאר יעדער רעגע...
(שרײַט ארײַן אין קראָם)

זילבערשטיין!

(ווידער צו שנײַדערן)

וואָס ארט אײַך, איר פארלאָזט זיך שוין אף מיר,
איך וועל זיי צוגרייטן א וויסטן באָרעכאבע.
(שרײַט ווידער אין קראָם ארײַן)
ווו זײַט איר ערגעץ דאָרטן, זילבערשטיין!
(זילבערשטיין ווײַזט זיך אפן שוועל)
א כעזשבן, זילבערשטיין! א קלאָרן כעזשבן!
ווי מענטשן שטעלן מיך בעדילאדאל!
(עס הייבן אָן אָנקומען ארבעטער, לעקערט צווישן זיי)

שנײַדער

אָט גייען זיי, די ברויטגעבער...

עסרעג

זיי גייען,

איז ווארט דאָ צו א ביסל, וועט איר זען

דעם באָרעכאבע, וואָס איך וועל זיי מאכן.

(הייבט זיך אוף צו איינעם פון די ארבעטער. דאָס בענקעלע אין ביידע הענט)

נו, יאנקעלע, ביסט דאנקען גאָט געקומען,

כ'האָב צוגעגרייט א בענקעלע פאר דיר,

אָט נא! עס זאָל דיר ווייכער זײַן צום זיצן,

דער הינטן דײַנער, נעבעך, טוט דיר ווי...

(צו א צווייטן ארבעטער)

ווילסט אויך? דיר טוט דען אויכעט ווי דער הינטן?

(די ארבעטער פארלוירן שווײַגן)

שנײַדער

דאָס איז אן אײַנפאל, ווי איך בין א ייִד,

איך גיי און טראכט באלד עפּעס צו פאר מײַנע.

לעקערט

כאוויירים, וואָס באטײַט עס? ניין!

וואָס איז דאָס פאר א מין? וואָס לאָזט איר שפּײַען...

שנײַדער

אך, הירשעלע! ער איז שוין ווידער דאָ?

און ווו ביסטו געווען, ווען ס'האָט געדונערט?

דו האָסט באקומען כאָטש דײַן כײַלעק שמיץ?

לעקערט

אָט וועל איך אײַך אזא מין כײַלעק געבן,

אז ס'וועט א דונער אײַך דאָ טרעפן אפן אָרט.

עסרעג

דו שייגעצ! שווײַג! וואָס זאָגט איר נאָר אפּ אימ?
פונוואנענ האָט זיכ דאָס צו אימ גענומענ לאָשנ?
אזוי באדארפ מענ פיקנ אימ דעמ צונג,
ווענט מיט א צוואנג קײנ וואָרט בא אימ ניט נעמענ,
אונ דאָ האָט ער צעעפנט גאָר א מויל,
אונ פּלוצלינג זיכ צערעדט, ווי בילעמס אייזל.

שנײַדער

ווי קומט ער גאָר אהער? מע האָט דאָכ אימ פארשיקט.

עסרעג

וואָס פרעגט איר, וואָס? מיסטאמ איז ער אנטלאָפנ...
אונ קומט צו מיר צו גײנ אונ רוימט מיר אײַנ,
איכ זאָל אימ געבנ ארבעט... פאר ראכמאָנעס
האָב איכ אימ צוגענומענ אפּ א וואָכ...
גיי טו א הונט א טויווע, בילט ער נאָכ.

לעקערט

זיי טוענ טויוועס אונדז... א קלאָג צו זיי.
אליינ גערופנ, ווענ ער האָט באדארפט...

עסרעג

פארמאכ דעמ פּיסק. דו, אזעספּאָנעמ אײנער,
נעמט, גיט אימ גלײַכ די טפילנ, זילבערשטײנ,
ניטאָ בא מיר קײנ ארבעט פאר אזא פארשוינ!

זילבערשטײנ (צו לעקערטנ)

וואָס טויג דיר איצט זיכ קריגנ אָנ א ציל?

ל ע ק ע ר ט

איך האָב אים מיט זײַנע ארבעט טיף אין דר'ערד...

ע ס ר ע ג (צו שנײַדערן)

נו, פרעג איך אײַך, איז ניט קיין מיצווע דען
די שמיצ, וואָס מע האָט זיי ארײַנגעשמיסן?
א שאָד, וואָס איך בין ניט געווען דערבײַ,
איך וואָלט פון מײַן זײַט צוגעלייגט א קנייטל...
אײַ, לעבן זאָל, געזונט זאָל זײַן פּאָן-וואָל,
עס זאָלן קיינמאָל אים די הענט ניט וויי טאָן.
(שיינע איז צוגעגאנגען, אומבאמערקט געשטאנען אָן א זײַט, אויסגעהערט
די לעצטע ווערטער)

ש יי נ ע

ווארט אויס, ווארט אויס, איר פרייט זיך פאר דער צײַט,
מע וועט זיך נויקעמ זײַן אָן אים מיט אײַך צוזאמען.

ע ס ר ע ג

שא, שא, א נײַע זאָגערן, אָט האָסטו דיר,
פונוואנען האָט זי זיך אהער גענומען?

ש נ ײַ ד ע ר

זיי קלײַבן זיך שוין ווידער דאָ, די שלעק?
עס טוט זיי באנק — שוין לאנג דאָ שטיל געוועזן.
ניין, בעסער קומט פונדאנען, קומט אוועק,
מע קאָן נאָך ווערן איבער זיי גענעזיקט.
(שנײַדער און עסרעג אָפּ. אייניקע ארבעטער נאָך זיי. זילבערשטיין אָפּ
און קומט באלד צוריק)

ל ע ק ע ר ט

ארויסגעוואָרפן מיך. אן אנדער צײַט
וואָלט ער שוין גלאט אזוי ניט אָפּגעשניטן.

י א נ ק ל

וועסט גאָרניט מאכן, אַלץ אפ זייער זייט.
מע מוז פאר זיי אראָפּנעמען דאָס היטל...

פּ ײַ ווּ ל

זיי גלעטן זיך דאָס הארץ מיט אונדזער ווּנד.

ל ע ק ע ר ט

וואָלט כאָטש דער „בונד" איצט עפּעס פאָרגענומען!

י א נ ק ל

עך, קום, געננוג!
(ווײַזט אפ זילבערשטיינען)

אָט זעסטו אים, דעם „בונד".
מיר דארפן אָנבייגן דעם קאָפּ און שטומען.

ש ײ נ ע

אזא מין שטימונג הערשט איצט אומעטום,
מע הערט אזעלכע רייד אין אלע גאסן.

ל ע ק ע ר ט

מע מוז, מע מוז וואָס גיכער עפּעס טאָן,
קעדיי צו ראטעווען...
די שטימונג פון דער מאסע.

ז י ל ב ע ר ש ט ײ ן

א פאלשער שריט געווען די דעמאָנסטראציע.

ש ײ נ ע

א דרייסטער שריט! א דרייסטער! צען מאָל דרייסט!

לעקערט

באדארף מען איצטער דרייסט זײַן פאר נעקאָמע!

זילבערשטיין

נעקאָמע, וואָס באטײַט עס? ניין, איר ווייסט...
איך וויל, ער זאָל דאָס אָנרופן באם נאָמען.

לעקערט

ניט זײַט קיין שאָף, ווען ער ניט זײַן קיין וואָלף.
א שאָס, א שאָס נאָר איינער, און א סאָף!

זילבערשטיין

אהא! איך האָב געוווּסט צו וואָס ער רופט!
אָט ווו עס שטעקט אצינדערט די סאקאָנע, —
ניין, איך בין איצט דאָ איבעריק, אפּאָנעם.
(גייט אוועק)

יאנקל

גיי ווארט, ביזוואנען ער וועט זיך צעגארטלען,
גיי ווארט, אזא זאָל אָנהייבן וואָס טאָן.

לעקערט

ווו שטייט געשריבן, אז מיר דארפן ווארטן
ביז עמעצער וועט אָנהייבן — מיר הייבן אָן!

פײַוול

ווארט, כאפּט זיך ניט — ווי הייסט, מיר הייבן אָן?
דו ווייסט, טעראָר ווהין עס קאָן פארפירן?
פאר דער באוועגונג איז טעראָר א סאם,
ס'איז קעגן דער טאקטיק און קעגן דער פּראָגראם.

לעקערט

געשמיסן אונדז, דערנידעריקט אזוי.
דערמאָנענע זיך, קאָכט אוף אין הארץ דאָס בלוט.
נאָר בלוט קאָן אָפּוואשן אזא מין שאנד,
נאָר גיי, אז דאָס איז קעגן דער פּראָגראם.
(דערזעט סענדעראצקין)

עי, סענדעראצקי, קום אהער,
דערציי̆ל דו אויך, ווי מע האָט זיי געשמיסן,
זאָג דו: אזוי איז דאָס געווען, צי ניט...
געלעגן אלע מיט פארהוילטן לײַב,
און רויט נאָך רויט האָט זיך אפּ זיי געשאָטן,
און יעדע רוט האָט זיך געווייקט אין בלוט,
פּאָן־וואל האָט צוגעקלאפּט נאָך מיטן פוס
און רויק צוגעציילט: איינס, צוויי! איינס, צוויי!
קיין הונט וואָלט מען אזוי דאָך ניט געשמיסן.
ווי נעמט מען ניט נעקאָמע פאר אזעלכס!
מע מוז דערפאר זיך נויקעם זײַן! מע מוז!
און עמעצער וואָלט דאָס געטאָן מיסטאם,
נאָר גיי, אז דאָס איז קעגן דער פּראָגראם.

יאנקל

וואָס שווײַגסטו, שיינע, זאָג, וואָס דארף מען טאָן?

שיינע

דו מיינסט, אז מיר איז גרינג צו שטיין און שווײַגן?
איך וואָלט אליין געגאנגען עפּעס טאָן,
נאָר אונדזער קראפט איז ניט אין מיר און ניט אין דיר,
מע דארף, אז דאָ זאָל טאָן די מאסע.

לעקערט

און איך, און דו, און ער, און אלע מיר,
וואָס זײַנען מיר? מיר זײַנען ניט די מאסע?

סענדעראצקי

אָט דאָס איז א געדאנק, א טײַערער געדאנק, —
איך האָב אלײן דאָס שיר ניט אויסגערעדט פון מויל.
די גאנצע מאסע וואָלט דען ניט געגאנגען —
נאָר וואָס קאָן טאָן דערווײַל די מאסע — מיט איין קויל?!

שיינע

יאָ, ס׳פעלט, עס פעלט געווער,
און גוטע אָנפירונג דאָ פעלט דער מאסע.
אזויפיל דראנג צו טאט, אזויפיל דרייסט צו שטרײַט
אָן אָנפירונג און אָן געווער
דערווײַל נאָך פלאָנטערן אפּ פאלשע וועגן.
און דאָך, ווי קאָן איך בלײַבן אין א זײַט,
איך קאָן דאָך ניט, ווי זיבערשטיין, אוועקגיין.

לעקערט

איז אָפּגערעדט... נו, גיט די הענט אהער.
מיר טרעטן צו... מיר זײַנען דאָ אינדרײַען,
א פערטער איז די גאנצע מאסע הינטער אונדז.
איצט גייט אונדז אָפּ א פינפטער — כ׳מיין א שפּײַער.

סענדעראצקי

מיר וועלן קריגן אלץ!

לעקערט

פאָן-וואל, פאָן-וואל!
דו ביסט געפייגערט שוין, דו ביסט שוין טויט!

ס ע נ ד ע ר א צ ק י

עס מעג אפילע דראָענ אונדז די טליִע.

ש יי נ ע

מע בעט דיכ ניט, באוויינ אונדז ניט אפריִער.
טויט, אָדער רויט!

ל ע ק ע ר ט

ניינ, ניינ, ניט טויט... נאָר רויט!

צווייטע סצענע

א קעלער־צימער בא הירש לעקערט. מאלקע אליין.

מאלקע

עך איילט זיך ניט. ער כאפּט זיך ניט אהיים.
ער גייט אוועק און ווערט דאָרטן פאַרפאַלן.
ווו איז ער? כ׳ווייס? איך וואָלט געפרעגט ווו איז ער,
ווען כ׳האָב בא וועמען פרעגן... האָב איך ניט.
אזוי אָט יעדן טאָג קוק אויס די אויגן
און וואַרט, און וואַרט ביז דיר ווערט נימעס וואַרטן.
ווער ווייסט אים ווו ער איז... גיי זוך דעם ווינט...

(וואַרפט אָפּ זיך אַרוּף אַ שאַלעכל און גייט אַרויס. די בינע אַ צייט פּוסט. עס קומט אַרײַן לעקערט)

לעקערט

ניטאָ. אוועקגעגאַנגען. אַ נאַריש ווײַבל.
אָט שטענדיק...
קום איך נאָר ניט אזוי גיך
גלײַך לאָזט זי זיך אוועק אין גאַס מיך זוכן.
דאָס האַרץ איז נעבעך איר ניט רויִק. פילט,

עס ברענט דער דאַך... און ווייסט ניט וואָס...
ניטאָ וואָס ריידן. אין א שווערן וואָגן
האָסטו אײַנגעשפּאַנט זיך גיין מיט מיר...
וואָלט זי געוווּסט כאָטש, ווי זי טוט מיר באַנק.
נאָר גיי דערציייל דאָס איר, וועט זי מיט טרערן
צעווייקן דיר דאָס האַרץ...
אהא. זי גייט...

(א קלאַפּ אין טיר. עס גייט אַרײַן סאָניע)

לעקערט

ווי קומסטו דאָ אהער?..

סאָניע (קוקט לאַנג אַף אים שווײַגנדיק. לאָזט זיך אָנמעכטיק אַראָפּ אַף אַ שטול)

פאַרפּלאָנטערט זיך... אַזוי פאַרפּלאָנטערט זיך,
אַז כ'ווייס ניט ווו אהינטאָן זיך אַצינד.
כ'האָב ניט פאַרשטאַנען, ניט געוווּסט אַליין,
ווי כ'האָב פאַראַטן אַלע בעסטע פרײַנט,
און דער אָכראַנקע טרײַ אַזוי געדינט.
פאַראַט! פאַראַט! א ביטער, שרעקלעך וואָרט!
א קלעפּיק וואָרט — ניט אָפּוואַשן זיך גלאַט...
איך האָב דאָס ניט געמיינט און ניט געוואָלט.
יאָ, לײַכטזיניק איז ניט בעסער פון פאַראַט...

(פּאַוזע)

געהאַט אַזויפיל פרײַנט און גוטע פרײַנט.
ווי זאָל איך קוקן אין די אויגן זיי?
איך בין פאַר אײַך אַצינד פאַרהאַסט און פרעמד...
(נעמט אַרויס א רעוואָלווער)
איז דאָס פאַר מיר אַצינד דאָס איינציק אויג,
אין וועלכן כ'קאָן נאָך קוקן ניט פאַרשעמט?

לעקערט (וואַרפט זיך האסטיק צו איר)

ווי קומט צו דיר? ווו האָסטו דאָס גענומען?
וואָס שווייַגסטו! גיב אהער דעם רעוואָלווער!
ער איז נאָך קיינמאָל אזוי נייטיק ניט געווען,
ער האָט נאָך קיינמאָל אזוי ערלעך ניט געדינט,
ווי ער וועט דינען איצט אין מייַנע הענט.

סאָניע

וואָס איז מיט דיר?

לעקערט

אהער דעם רעוואָלווער!

(ראנגלט זיך מיט איר און נעמט אָפּ דעם רעוואָלווער)

אָט דאָס איז א געווינס! א גרויס געווינס!
כ'האָב ניט געוואַרט, איך האָב זיך ניט גערעכנט...
אז דו וועסט מיר אזא מין שפּילכל ברענגען.
וואָס קומט דיר איצט? א דאנק! דיר קומט א דאנק!

(ווייל גיין)

סאָניע

וואַרט אויס! וואַרט אויס! דערציילט מיר אויך... דערצייל,
צי עפּשער טאָר מען ניט פאַר מיר דערציילן,
צי עפּשער טאָרסטו ניט פאַרטרויען מיר דייַן סאָד...
איין קויל, איין קויל נאָר גיב מיר אָפּ צוריק,
און איך וועל אָפּוואַשן פון זיך מייַן שולד...

לעקערט

אָט באלד! אָט קער איך באלד דיר אום. ווי דען...
עך, דו!.. האָב כאָטש כאַראַקטער, ווי א מענטש...
פאַראַנען בילכערע פאַר יעדער קויל...

ס אָ נ י ע

וואָס ווילסטו טאָן... מיך אויך נעם מיט, מיך אויך!
כ'וועל גיין מיט גרויסער פרייד...

ל ע ק ע ר ט

דאָס ניט... דאָס ניט...

ס אָ נ י ע

דו שטויסט מיך אָפּ. דו לאָזט מיך איצט אליין.
צי עפּשער איז דאָס ניט אין דיר געווענדט.
אמאָל האָסטו מיך ליב געהאט...

ל ע ק ע ר ט

ניין, ניין...
מיט ריינע הענט. מיט ניט באפלעקטע הענט.

(לויפט ארויס)

דריטע סצענע

דער פּלאַצ באַמ צירק. אנ אוילעמ שטויסט זיך לעבנ די ארויסגעהאנגענע אפישנ. מאַלקע לעקערט דרייט זיך דאָ אומ, ווי זי וואָלט עמעצנ זוכנ. מאָטל עסרעג מיט זײַנ פרוי גייענ אינ צירק.

גאָראָדאָווי

אוועק! אוועק! צעגייט זיך!

ייִנגל

נאָר ער טרײַבט,
ער ווייסט נאָר טרײַבנ, מערער גאָרנישט ניט.
וואָס ארט אימ, דאכט זיך, אז מע שטייט אונ קוקט...

עסרעג

א היצ אינ באָד! ער מוז דאָ, נעבעכ, שטיינ,
אָנ אימ וועט זיך די שפּיל דאָ ניט באגיינ...

ייִנגל

די שפּיל וואָלט זיך באגאנגענ אָנ אײַכ אויכ.

פרוי עסרעג

א צינגעלע אפ שרײַפעלעכ בא אימ...

יינגל

מער שרײַפעלעכ ווי זי פארמאָגט אינ קאָפּ.

עסרעג

דו וועסט פונ אימ דערהערנ עפּעס רעכטס.
א מאכשיטול! אנ איידל קינד! א גאָלד!

יינגל

וואָס האָב איכ וואָס צו ריידנ מיט א יאָלד!

עסרעג (יאָגט זיכ נאָכנ יינגל)

דו וועסט בא מיר אוועקגיינ אָנ א קאָפּ.

יינגל (לויפט אָפּ)

אונ איר זײַט אָנ א קאָפּ אהער געקומענ...

עסרעג (כאפּט דאָס יינגל פארנ אויער)

אָט וועל איכ דיר... אָט וועל איכ, שייגעצ, דיר...

יינגל

אײַ־אײַ, לאָזט אָפּ! לאָזט אָפּ!..

מאלקע (רײַסט ארויס דאָס יינגל פונ עסרעגס הענט)

וואָס האָט איר צו א יינגל! לאָזט אימ אָפּ!..

פרוי עסרעג

ער האָט פארדינט... אימ קומט, אימ קומט נאָכ מערער,
ער זאָל ניט ריידנ מער אזעלכע רייד...

ע ס ר ע ג

וואָלט מען זיי קליינערהייט געלערנט דערעכערעצ,
וואָלט מען פארשפּאָרט זיי שמייסן גרויסערהייט.

(אָפּ אין צירק)

מ א ל ק ע

א וויסט, א פינצטער יאָר...
וואָס שיט איר נאָך מיט זאלצ אפ פרעמדנ ווייטעק.

יי נ ג ל

זיי רייצנ זיך, זיי קוועלנ אָנ...

ג אָ ר אָ ד אָ וו ו י

אוועק! אוועק! צעגייט זיך!

מ א ל ק ע

מע טרייבט היינט טאקע מער ווי אלעמאָל.

יי נ ג ל

דער טייוול האָט געבראכט דעם גובערנאטער.

מ א ל ק ע

וואָס רעדסטו!? אויב דער קאַט איז איצטער דאָ,
איז טאקע גלייכער האלטנ זיך וואָס ווייטער...

יי נ ג ל

וואָס האָב איך מוירע? אפצולאָכעס גאָר
וועל איך דאָ אומגיינ, זאָלנ זיי מיך יאָגנ...
ווענ איך זאָל זיינ כאָטש עלטער אפ א יאָר,
וואָלט מענ א טויטנ אימ פונ דאָרט ארויסגעטראָגנ.

(מאלקע וויל אוועקגיינ. לעקערט קומט. טרעפט מאלקענ)

ל ע ק ע ר ט

וואָס טוסטו דאָ ?

מ א ל ק ע

אָט, דיך געקומען זוכן...

ל ע ק ע ר ט

וואָס האָסטו וואָס צו זוכן מיך...
איך וואָלט אליין דעם וועג אהיים געפונען...

מ א ל ק ע

דו האָסט פארגעסן, אז דו האָסט א היים...
עס טראָגט דיך אום, פון זינט דו ביסט געקומען —
נאָר גאס און בירזשע, בירזשע נאָר און גאס...
איך האָב קיין גליק ניט זען דיך אויך אין שטוב
און זאט מיט דיר זיך אָנריידן...

ל ע ק ע ר ט

גיי, מאלקע...
גיי בעסער איצט אהיים... כ'וועל קומען גיך.

מ א ל ק ע

ניין, קום מיט מיר...

ל ע ק ע ר ט

איך קאָן ניט איצט אוועקגיין...

מ א ל ק ע

וואָס האָסטו וואָס צו טאָן אצינדערט דאָ ?
דו הערסט דאָך, דאָרטן זיצט דער גובערנאטער...
און דאָ מוז זיין מיט אויגן פול די גאס...

מע וועט דיך אויסשפּירן, מע וועט דיך כאַפּן
און ווידער דיך פאַרשיקן...

לעקערט

האָב ניט מוירע...

ס'וועט גאָרנישט ניט געשען...
און ערגער ווי עס איז וועט שוין ניט זײַן.

מאלקע

דו גייסט אוועק?..
דער מאמעס מילך ווערט אין מיר אנטרונען,
דאָס הארץ פאַלט אײַן פון שרעק...
קום, הירשל, קום אצינד, ניט צוליב מיר —
צוליבן קינד, וואָס דאַרף אַף וועלט ערשט קומען...

לעקערט

הערסט, דו!.. דו זאָלסט מיר אין מײַן וועג ניט שטיין...
אניט, געדענק, מיר וועלן שטאַרק זיך קריגן...
א ווײַב קען זײַן די פליגל פונעם מאן,
און דו ווילסט זײַן א שטיין אַף מײַנע פליגל.

(מאלקע וויינט שטיל)

ניט וויין, מע דאַרף ניט, קום אהער, ניט וויין...
מיר וועלן זיך נאָך אָנריידן...
ניט הײַנט, איז מאָרגן...

(מיט געצוווּנגענעם שמייכל)

אויב אַלע וועלן זיצן אין דער היים,
נו, ווער וועט דעמלט פאַר דער וועלט זיך זאָרגן...

מאלקע (שמייכלט דורך טרערן)

באַזאָרגער דו... מיך אויך... מיך אויך צעלאַכט,
עס גייט מיר אָפּ נאָך לאַכן... צאָרעס מײַנע זיסע...

לעקערט (צאַרט)

גיי איצטער... גיי אהיים... כ'וועל קומען גלײַך,
איך דאַרף דאָ נאָר... פאַרהאַלטן זיך א ביסל...

(מאַלקע גייט אומאַנטשלאָסן. לעקערט קוקט איר נאָך, רײַסט אוֹפּ דעם קאַלנער)

ווי פײַער וואָלט בא מיר אָט דאָ געברענט...
ווען כאָטש א ביסל דורכנעצן דעם האַלדז.
(וויל גיין, קערעוועט זיך צוריק אויס צום צירק)
פאַנ־וואָל! וועסט ניט אוועק פון מײַנע הענט,
איך וועל נאָך הײַנט דיך אָפּלייגן אפּ קאַלטס...

(אָפּ. די בינע פּוסט. עס קומען אָן שיינע, יאַנקל, סענדעראַצקי, קוקן זיך אום)

סענדעראַצקי

ניטאָ... ווו קאָן ער זײַן?

שיינע

מיך וווּנדערט שטאַרק.
עס קען ניט זײַן, אז הירשל זאָל אוועקגיין
און איבערלאָזן דאָ זײַן פּאָסט...

יאַנקל

ניט אַנדערש עפּעס האָט מיט אים געטראָפן.

סענדעראַצקי

די עלפטע שאָ, ער האָט באַדאַרפט דאָ זײַן...

יאַנקל

גיי, סענדעראַצקי, טו א זוך און פרעג,
צי האָט אים ערגעץ פּײַוול ניט באגעגנט...

ש ײ נ ע

כ׳װעל אױך א זוך טאָן גײן... און דו װאַרט דאָ...

(סענדעראצקי, שײנע אָפּ. יאנקל בלײַבט א צײַט אלײן. קוקט זיך אומ־
רויִק אום. עס קומט אָן לעקערט)

ל ע ק ע ר ט (פרײלעך)

א, יאנקל... יאנקל... נו, װאָס הערט זיך גוטס?

י א נ ק ל

מיר װאַרטן שוין אַף דיר מיט אומגעדולד...
איך בין געשטאַנען פון פּאַרנאַכט באַם פּאַרק,
און שײנע שטײט די גאַנצע צײַט באַם פּאַלאַץ,
מיר בײדע האָבן אים געזען, פאָן־װאָלן...
ער איז אַװעקגעפאָרן פון דער הײם...
װוּהין ער איז געפאָרן, װײסט ניט קײנער,
ער האָט ביז איצט זיך נאָך ניט אומגעקערט.

ל ע ק ע ר ט

און װעט שוין מער ניט אומקערן זיך... יאָ...
אָט דאָ װעל איך אים פּאַקן הײַנט, דעם העכט...

י א נ ק ל

ער איז אין צירק?!

ל ע ק ע ר ט

דו הערסט, מע פּאַטשט דאָרט „בראַװאָ",
אָט דאָס באַגלײט מען אים אין דר׳ערד אַרײַן...

(הײבט אָן פרײלעך אונטערצוזינגען, בײגט זיך בײַענט אָן צו יאנקלען.
יאנקל מאַכט א טראָט צוריק אין שרעק)

י א נ ק ל

וואָס איז מיט דיר?! האָסט אויסגעטרונקען? הירשל!

(פּאַוזע)

ל ע ק ע ר ט

א ביסל דורכגענעצט... נאָר האָב קיין מוירע ניט,
מײַן האַנט וועט ניט קיין ציטער טאָן...

(נעמט אַרויס דעם רעוואָלווער)

אָט זע, ווי פעסט איך האַלט אין האַנט זײַן טויט...

י א נ ק ל

ביסט צופיל אויפגערעגט, ביסט צו צעהיצט...
איך האָב פאַר דיר איצט מוירע... הער מיך אויס...
גיב, איך וועל דאָ פאַרבלײַבן אַף דײַן אָרט,
איך וועל דאָס אָפּטאָן גוט אַזוי ווי דו,
גיב, הירשל, מיר דעם רעוואָלווער...

ל ע ק ע ר ט

א נאַר גיט אָפּ א שעפּל פון דער באָד...
ניין, איך וועל איצט מיט אים זיך ניט צעשיידן...
ער איז מיר טײַערער אַצינד ווי טאַטע-מאַמע,
דאָ איז מײַן לעבן און מײַן טויט צוזאַמען...

י א נ ק ל

שווײַג! שווײַג! גיב מיר דעם רעוואָלווער...

(פּרוּווט נעמען בײַ אים דעם רעוואָלווער. עס קומען צוריק שיינע, סענ-
דעראַצקי. לעקערט דערזעט זיי, ווענדט זיך שטאַרק אויפגערעגט צו
אַלע דרײַ)

ל ע ק ע ר ט

איך בעט אײַך, גייט אַוועק פונדאַנען אַלע,

אויב עמעצער דערזעט אײַך דאָ מיט מיר,
וועט איר דערנאָכדעם אויך א קאָרבן פאַלן.

יאנקל

זיך, הייסט עס, מעגסטו שטעלן אין סאַקאָנע.
וואָס מיינסטו, דיר אליין נאָר קומט
איינגאנצן די נעקאָמע...

שיינע

געגנוג! ער איז אין צירק? איז איצט די רעכטע צײַט,
די סאַמע רעכטע צײַט איז איצט געקומען...
וועל איך פארבלײַבן דאָ... דו, הירשל, גיי אוועק,
ביסט ניט אליין, דו האָסט א ווײַב, א קינד,
און איך האָב אײַנצושטעלן נאָר מײַן קאָפּ.

לעקערט

אָט דאָ איז היינט מײַן אָרט... נו, טראָגט זיך אָפּ,
ביזוואַנען איר האָט ניט אי מיך, אי זיך פארשאָטן.

סענדעראצקי

הער, הירשל, כ'ווייס, דו ביסט גערעכט... גערעכט...
איך וואָלט דאָך אויך מײַן אָרט ניט אָפּגעטראָטן...
נאָר זאָג! האָסט רעכט זיך אײַנצושטעלן מער ווי מיר,
האָסט רעכט? איז גיי אוועק, אניט וועל איך דיך נייטן.

לעקערט

איר וועט אוועקגיין באלד? אויב ניט...
(פּאוזע)
אויב ניט, וועט איר מיך האָבן דאָ א טויטן...

(מאכט א באוועגונג מיטן רעוואָלווער אינדערלופטן. יאנקל, שיינע, סענדעראצקי טרעטן שווײַגנדיק אָפּ. פון צירק דערהערט זיך א גערויש. אן אײַלעם שטויסט זיך ארויס פון דאָרט. לעקערט וואַרפט זיך צום צירק)

ג אָ ר אָ ד אָ ו ו י

אוועק! אוועק! צעגייט זיכ!

נ א ז י מ אָ ו (באוויַיזט זיכ אפ די טרעפ פונ צירק)

טריַיב! טריַיב! עס זאָל איצט קיינער דאָ ניט שטיינ!

(פוסט. אָנגעשטרענגט שטיל. לעקערט באהאלטנ איב שאָטנ. פארגליווער־טער גאָראָדאָווי. פארגליווערטער נאזימאָוו. פאָנ־וואל גייט ארויס פונ צירק, באגלייט דורכ זיַינ סוויטע. שטעלט זיכ אָפ אפ אנ אונטערשטנ טרעפל. קוקט שטומ)

פ אָ נ ־ ו ו א ל

בארויִקט, דאנקענ גאָט, די שטאָט!

ל ע ק ע ר ט (שפרינגט ארויס פונ באהעלטעניש)

נאָכ ניט אינגאנצנ רויִק ווי דו מיינסט!

(שיסט. פאָנ־וואל פאלט. פינצטער. עס הערט זיכ א שטארקער געלויפ אונ הויכע געשרייען. ווענ די ליכט צינדט זיכ אָנ, ליגט פאָנ־וואל אפ די טרעפ פונ צירק. דער דאָקטער בינדט אים איבער די האנט. נאזי־מאָוו שטייט פאר אים אָנגעשטרענגט אויסגעצויגנ, דערשראָקנ)

נ א ז י מ אָ ו

געכאפט אים, איַיער עקסעלענצ! — א ייִד.
אנ ארבעטער!

פ אָ נ ־ ו ו א ל (מיט קורצנ אָטעמ)

אנ ארבעטער?
אזעלכע דרייסטע צווישנ זיי פאראנ?
באוויַיזט מיר אימ אהער...

(גאָראָדאָוויעס אונ טשעקינ פירנ צו לעקערטנ. פאָנ־וואל קוקט אפ אימ מיט שטומענ שרעק· שוויַיגט. טשעקינ גיט איבער באָגאליַיענ לעקערטס רעוואָלווער. באָגאליי קוקט מיט שרעק אפנ רעוואָלווער· באהערשט זיכ. פלינק דעמ רעוואָלווער קעגנ לעקערטנ)

ב אָ ג א ל יי

דערשיסן ווי א הונט!

פ אָ נ ־ וו א ל (שטרענגט זיך אָן אויפצוהייבן די געזונטע האנט)

ניין, ניין... א שאָד...

א שאָד אים אָפצונעמען בא דער טליע...

(קוקט שטום מיט פארכאפטן אָטעם)

פירט אים אוועק... ניין, ווארט...

(קוקט אָנגעשטרענגט און בייז לעקערטן אין די אויגן)

דו זעסט... איך לעב! איך לעב!

זאָלסט דאָס געדענקען, ווען מע וועט דיך הענגען...

ל ע ק ע ר ט (רויק, הארט, דײַטלעך)

עס לעבן טויזנטער און טויזנטער, ווי איך,

זאָלסט דאָס געדענקען, וויפל דו וועסט לעבן!..

פ אָ ר ה א נ ג

דער אורטײל קומט

פערזאָנען:

שענקער.

פאלקע.

מייַער.

קלערכען.

סאבינא.

פלאָריאן מאטיש.

פראָקוראָר.

קארל פופקע.

אָפיצער.

זשאנדארמען.

עסטרײַך. פעווראל 1934. א שענק אפן וועג צו דער יוגאָסלאווישער גרענעץ. נאכט. בא צוויי שכײנישע טישלעך זיצן פאלקע און מײַער. דער שענקער שטייט פארן שענק־טיש, קוקט ארײַן אין א צײַטונג, רעאגירט אקטיוו אפ די איבערגעלייענטע קעפּלעך פון די מיטיילונגען.

ש ע נ ק ע ר

נו, הייסט עס, אָפּגעדונערט די קאנאָנען...
מע שרײַבט: דער אופשטאנד אומעטום דערשטיקט.
דער קאנצלער דאָלפוס גראטולירט מיט זיך
די היימווער־באטאליאָנען...
אך, האָט געדונערט און געקנאלט!
אין בויך, אין לעבער, אין די באריקאדן!
פיר טעג, פיר נעכט אזא מין קאנאָנאדע,
אז גאָט אין הימל האָט געמוזט זײַן קאלט.
האָ, האָ! דערפאר איז הייס געוועזן די רויטע.
אין ווין האָט מען מיט זיי אזוינס געטאָן...
גאנץ פלאָרידסדאָרף באדעקט מיט טויטע...
דער שוצבונד איז צעקלאפּט...

פ א ל ק ע (דערלאנגט זײַן קופל)

גיס אָן!

שענקער (גיסט אָן. זעצט פאָר)

אין ליגנצ האָט מען זיך אויך מיט זיי צערעכנט.
געשניטן פּעקלעכווײַז און אײנציקווײַז...
זיי זײַנען זיך צעלאָפן ווי די מײַז,
פאַרשאָלטענע פאַרברעכער!
דאָך אײניקע געפּאַקט זיך אפן צאָן.
זיי בויטען מיט די שטיוול אין דער לופט שוין...

מייַער (צו פאַלקען)

א שוידערלעכע זאַך איז אופשטאַנד!
גענאָסע, וואָס זאָגט איר?

פאַלקע (צום שענקער)

גיס אָן!

מייַער

כ'בין אָנגעשטעלט באַם טעלעגראַף אין באַנהויף.
אַף דער דעפּעשן־סטענגע האָט פאַר מיר
זיך דורכגעטראָגן שוידערלעך און שפּאַנענד
די גאַנצע שרעק פון אָט די טעג די פיר.
מיר איז געוועזן דערווידער
דער אומזין, וואָס האָט אַלעמען פאַרכאַפּט.
איך האָב געדענקט: ס'איז א געשלעג פון ברידער,
א קלוגער מענטש, ווי גייט דערופ, ווי וואַגט?
און איך בין העכסט געוועזן קאָנטעט,
וואָס דאָס מאָל ניט אין אופשטאַנד, ניט אין שטרײַט,—
מיר, אײַזנבאַנער, נעמען ניט קיין אָנטייל...

פאַלקע

דאָס איז געוועזן פּאַראַט פון אײַער זײַט.

מ ײַ ע ר

װאַראָם?.. פאַרװאָס? װוּ נעמט איר עס? פונװאַנען?
האָט מײַער דען זײַן פליכט ניט אױסגעפילט,
װען איך האָב מאָל צו מאָל געקליבן אין פאַרלאַמענט
די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע...

פ א ל ק ע

פוסטע שפיל!

מ ײַ ע ר (אױפגעבראַכט)

גענאַסע...

ש ע נ ק ע ר (קרימט איבער)

גענאַסע... אָ, װען דער גענאָסע קאָן,
װאָלט ער נאָך גערן צוגעגאָסן
בוימל אפן פלאַם...

פ א ל ק ע

גיס אָן!

ש ע נ ק ע ר (נעמט ניט דעם קופּ?)

גיס אָן! גיס אָן! װאָס ברענט אין דיר? װאָס לעשסטו?
דו טו א טאַפּ בא זיך אין טאַש אפריער,
צי װעלן דאָרט דיר סטײַען דײַנע רעשטן
צעצאָלן זיך מיט מיר...

פ א ל ק ע

נו, דײַנס װעט ניט פאַרפאַלן,
איך זאָג דיר, אלטער, ערלעך, דו ניט זאָרג.
מיר װעלן אָפּצאָלן... אי דיר אי אלע...

שענקער (ניט דערהערט)

ניין, ניין, צעצאָל זיך גלײַך, איך האנדל ניט אפ באָרג.

פאלקע (נעמט ארויס זײַן זייגער)

נא, נעם, גענוג דיר זײַן, צי ווייניק?

שענקער

אפ ברוכווארג טויג דײַן זייגער און דײַן קייט.

פאלקע

פארוואָס? באטראכט אים גוט. דו אלטער, מיין ניט,
מײַן זייגער גייט פאמעלעך, נאָר ער גייט...
וועסט אים ניט אָפשטעלן מיט קיין קאנאָנע,
וועט ער וועט דארפן ווײַזן דיר די רעכטע צײַט.

שענקער

עי, לומפ! דו ווילסט מיט דעם זשאנדארם זיך באקאָנען
איך קאָן א רופ טאָן אים, ער איז ניט ווײַט.
(ער וויל נעמען דאָס טרײַבל פון טעלעפאָן. אין טיר גייט ארײַן א זשאנדארם)

זשאנדארם

גוט אָוונט, פרײַנט! גוט אָוונט, מײַנע הערן!

שענקער

גוט אָוונט. דאנק אײַך פאר א גוטן וואָרט...
א קופל ביר...

זשאנדארם

האָ, האָ! דאָס קאָן ניט שטערן...
(ער טרינקט אויס, און באקוקט מעיושעוודיק די ווענט)
ווו איז דאָ אפ דער וואנט דאָס בעסטע אָרט?
ווו הענגט מען דאָ ארויס אָט דעם אָ פויגל?

ש ע נ ק ע ר

אוועלכנ פויגל?

ז ש א נ ד א ר מ

נו, אָט דעמ פּאַפּיר.

אז ער זאָל גלײַכ זיכ וואַרפנ אינ די אויגנ...

ש ע נ ק ע ר

אָט דאָ, אנטקעגנ טיר.

קלאַפּט צו כאָטש נידריקער, כאָטש העכער.

ר מ

יאָ, דאָ איז גוט.

(ער שפּרינגט ארופ אפ א בענקל. הייבט אָנ צוקלאַפּנ א פּלאַקאַט, אפ וועלכנ עס איז אָנגעמאָלט א קאָפּ מיט אנ אופשריפט)

ש ע נ ק ע ר

וואָס איז דאָס פאַר א שילד?

ז ש א נ ד א ר מ

האָ! האָ! דאָס איז א הייליק בילד!

ס'איז פלאָריאַנ מאַטיש! דער מערדער, דער פאַרברעכער!

דער אויסוווּרפ, דער פאַרעטער, דער שוואַרציאָר!

דער רויבער, דער באַנדיט! דער אונטערצינדער!

דער פירער פונעמ אופשטאַנד דאָרט...

ש ע נ ק ע ר

א, דאָס איז ער?..

ז ש א נ ד א ר מ (פּײַערלעכ)

פאַרשטייענ זיי אצינדער?

יאָ, פלאָריאַנ מאַטיש! דער באָלשעוויק!

ס'האָט ער די ארבעטער באוואָפנט,
זיי אופגעהעצט צו שטרײַק און בירגערקריג.
ווען ניט די הײמווער, איז דאָרט קאטאסטראָפע!
האָ! האָ! ניט גרינג געווען צו אָפּקילן דאָס בלוט,
בא זײַנע גאָרגל־שנײַדער און לײַדאקעס.
נאָר איצטער זײַנען זיי... קאפוט...
א שאָד נאָר, אים האָט זיך ניט אײַנגעגעבן פּאקן.
אנטלאָפן. לײַענט. דאָ ווערט באפוילן שטרענג
אים צושטעלן פון אונטער דר'ערד אפילע.
איך ראט אײַך: קוקט זיך אײַן און פארגעדענקט—
זײַן קאָפּ איז אָפּגעשאצט אין פינעף טויזנט שילינג!

שענקער

א פײַנער פרײַז!

זשאנדארם

האָ! האָ! א גאנץ פארמעג!

שענקער

ווען מיר גליקט אָפּ אים צו דערקענען...

זשאנדארם

דאָס קאָן גראָד זײַן. דורכדאנען ליגט זײַן וועג,
אויב ער וועט וועלן לויפן צו דער גרענעץ.
נאָר זעט, פארשלאָפּט אים ניט, דעם יונג.
פאר פינעף טויזנט שילינג לוינט שוין זײַן וועכטער.
אדיע. צום ווידערזען. גיט א קלונג,
אויב ערגעץ עפּעס ווײַזט אײַך אויס פארדעכטיק.

(ער גייט ארויס)

שענקער

יאָ, פינעף טויזנט... ס'איז א פעטע שטיק.

א גאנצער בײַטל געלט איז פאר דיר אָפן...
ע־ע... אונדז וועט דען אויספאלן אזא מין גליק.
גיי כאפ... ווער ווייסט וווהין ער איז אנטלאָפן.

(ער עפנט די טיר אין הינטערשטן צימער)

עי, קלערכען! קום ארויס! זיץ דאָ, באַם טיש,
און איך וועל גיין דאָרט דורכשלאָפן א שטונדע...
(ער גענעצט)

ע־ע... ווען ער זאָל וועלן ווארטן, דער מאטיש,
אז איך זאָל דיר אים צושטעלן געבונדן...

(ער גייט ארויס אין הינטערשטן צימער. פון דאָרטן גייט ארויס קלערכען—
א מיידעלע פון א יאָר צען, און פארנעמט דאָס אָרט באַם טיש)

פ א ל ק ע

פארדאמטער הונט! כ'וואָלט בעסער דיך דערשטיקט!
נאָר פריִער אָנשפּײַען אין פּנים דיר כ'וואָלט וועלן.
פאר דרײַסיק, צי פאר פינעף טויזנט זילבערשטיק
אזעלכער וועט פארקויפן דיר די זעלע.
דאָס רופט זיך מענטש. דאָס לעבט. דאָס טרעט די ערד.
מאטיש! אויב דו האָסט ניט באוויזן נאָך
די גרענעץ דורכצומאכן,
אנטלויף דורך ווילדע שטעגן אין די בערג,
נאָר ניט באווײַז זיך דאָ, אף די באמענטשטע שליאכן.
באהיט זײַ בא אזעלכן בעטן ברויט,
איך ווינטש דיר ניט, ער זאָל דײַן דאָרשט דיר שטילן.
שוין גיכער וועט א וואָלף דיר בײַשטיין אין א נויט,
אויב ניט, וועט ער כאָטש ניט פארקויפן דיך
פאר פינעף טויזנט שילינג.
איך קוק. איך שווײַג. איך הער אים, ווי ער רעדט.
ווי האלט מען דעם פארדראָס אײַן...
אײַך ווילט זיך דען ניט געבן אים א פלעט—
דער שארבן זאָל אים פלאצן?

מײַער

ניין, געגאָסע...

מיך לאָזט צורו. פון בלוטיקן געמיש
איך וואָלט אנטלאָפן כאָטש אפֿ קוליעס.
מיר איז אליין דערווידער דער מאטיש,
וואָס וויל פארוואנדלען עסטרײַך אין א דולהויז.
די היימוועער האָט די מאכט, די רײַכע האָבן גוטס—
זיי וועלן אײַך דאָס צו די פיס ניט לייגן.
און איך פארשטיי זיי זייער גוט,
ווער וויל עס אָפּגעבן זײַן אייגנס.
אָט איך אליין — דער סאמע מיטלשטאנד —
איך האָב א שטוב, א פיצל ערד דערנעבן,
זאָל עמעצער דאָס פרווון נעמען מיר פון האנט,
וועל איך דען געבן?..
ס'איז מײַנס. ס'איז בלוטיק אייגנס, ווי די זעל.
ס'איז ווילשטאנד. ס'איז געזעצ. איך האָב דאָ שווייס פארגאָסן.
ווען יעדערער קערט אויס זיך בא זײַן שוועל,
וואָלט ריין געווען די גאנצע גאס, געגאָסע!

(פאלקע הייבט זיך שווײַגנדיק אוף)

ווארט אויס, וואָס אײַלט איר זיך? נאָך פרי אוועקצוגיין.
מע קאָן דאָ נאָך פארברענגען.
באפוילן עפּשער אָנגיסן אײַך?..

פאלקע (בייז)

ניין...

מײַער

איך קאָן פאר אײַך באצאָלן...

פאלקע (נאָך בייזער)

דאנק אײַך, צײַט אהיים גיין!..

(ער גייט צו דער טיר. עס דערהערט זיך א פײַפ פון א צוגעפאָרענעם
אווטאָמאָביל. עס גייט ארײַן סאבינא. זי קוקט זיך אומרויִק ארום)

סאבינא

ניטאָ דאָ ווער... פאריכטן א מאשין?..
אינמיטן וועג פארסטאָפּערט... און פון אָרט ניט.

פאלקע

פאראן אזא ווארשטאט...

סאבינא

אָ, ווײַזט מיר אָן אהין!

מײַער

שוין שפעט. ביז מאָרגן גאָרניט מאכן דאָרטן.

סאבינא

מיר מוזן אָבער נייטיק.

מײַער

נו, וואָס אײַלן זיך...
ס'איז נאכט. ס'איז קאלט און נאס, און בלאָטיק אף די וועגן.
אצינד איז גוט א שטוב, א ווארעמער געלעגער...

סאבינא

איר קאָנט אונדז געבן נעכטיקן?

מײַער

איך — גיין.

ס א ב י נ א

און דאָ פֿארבלײַבן קאָן מען?

(דערזעט דעם פּלאקאט. טרעט אָפּ צוריק דערשראָקן)

אײַ!..

פּ א ל ק ע

וואָס איז מיט אײַך?

ס א ב י נ א

ניין. גאָרניט. גאָרניט... מיד... פֿון וועג... פֿון וועטער...

(לויפֿט האסטיק צום בופֿעט, שרײַט אויס פֿרייליך)

אוי, וויפֿל גוטע זאכן אין בופֿעט דאָ!

מײַן מיידעלע, אנו, אהער גיב... גלײַך!

ק ל ע ר כ ע נ (שפּרינגט אויף)

פּאשטעט? צי פֿלייש? צי פֿיש?

ס א ב י נ א ...

יאָ־יאָ... פֿון אלץ — א שטיקל...

ק ל ע ר כ ע נ

און ברויט?..

ס א ב י נ א

אויך ברויט, מײַן מיידעלע, ווי דען...

אָט האָסטו דיר באצאָלט פֿאר דעם.

(רײַסט ווי אומגערן אראָפּ דעם פּלאקאט)

און אָט אין דעם פּאפּיר דאָס אלץ מיר גוט פֿארוויקל.

מ ײַ ע ר (שפּרינגט אויף)

וואָס טוט איר? ערשט ארויסגעהאנגען פֿריש!..

ס א ב י נ א

וואָס איז?

מײַער

איר זײַט פֿון זינען? צי איר מאכט געלעכטער?

סאבינא (קוקט אין פּלאקאט)

א, אָט װאָס... (לאכט) זוכט מען אלץ נאָך דעם מאטיש...

מע האָט דאָך אים שױן לאנג געכאפּט... נאָך נעכטן...

פּאלקע

געכאפּט?!.. אזא מין שאָד!..
זײ װעלן דאָך אים איצט ניט שױנען...

מײַער

א שאָד, א שאָד... און עמעצער דאָרט האָט
באקומען טאקע די באלױנונג?..
איך װאָלט אים װעלן זען, דעם מאן,
װאָס האָט געקענט אזא מין געלט פֿארדינען...

סאבינא

איז קײנער, הײסט עס, ניט פֿאראן —
פֿאריכטן די מאשין?
(זי לאָזט זיך אײַליק צו דער טיר. איר אנטקעגן גײט ארײַן מאטיש)

מאטיש

סאבינא!
װאָס לאנג אזױ?.. פֿאראן דאָ װער...
װאָס נעמט זיך אונטער צו פֿאריכטן אונדזער װאָגן?
(אלע בלײַבן דערשטױנט)

קלערכען (װיל עפֿענען די טיר אין צװײטן צימער)

אָט איך... דעם פֿעטער גלײַך איך רוף אהער.
דער פֿעטער, ער װײסט אלץ, ער װעט אײַך זאָגן...

פ א ל ק ע

ניין, ניין, מע דארף ניט... איך פאריכטן קאָן!
זאָל ער דאָרט שלאָפן... קומט!
באוויַיזט מיר, וואָס האָט דאָרט פארסטאָפּערט.
(ער שלעפט קוימאט מאטישן און סאבינא נאָך זיך אין דרויסן)

מ יַ ע ר (קוקט זיי נאָך דערשטוינט)

ס'איז ער... ס'איז ער... איך האָב דאָך אים דערקאָנט...
און ענלעך, ענלעך... ווי צוויי טראָפּן...
כ'פארשטוי איצט אלץ... אפרי̇ער זי געשיקט.
זאָל אויסקוקן, זאָל זיך דערוויסן.
פון וואנט דאָס בילד אראָפּגעפליקט...
ס'איז ער... ס'איז ער... ווען נאָר ניט מיַין געוויסן.
איז פינעף טויזנט שילינג, ווי אין האנט.
אנ אנדערער וואָלט גליַיך געכאפּט דאָס טריַיבל.
אלציינס... אנטלויפן איז ער ניט אימשטאנד...
ער וועט זיך צו דער גרענעצ ניט דערקליַיבן...
פארשטייט זיך... איך וועל דאָס ניט טאָן.
אָט זאָל ער לויפן... טאָמער פאָרט געלונגט אים...
נאָר... כ'קאָן דען אָפּשאפן דעם טעלעפאָן?
ניט איך, וועט ער באלד אופשטיין און א קלונג טאָן.
און מיַינע פינעף טויזנט שילינג — אים אין טאש.
א גאנצ פארמעג אים שענקען.
קיין וויַין דערנאָך ניט שטעלן דיר א פלאש,
קיין דאנק וועט ער ניט זאָגן דיר, דער שענקער.
פונדעסטוועגן פאר אים דאָס גליק...
ניין, ניין, ניט אָפּט
פאלט אויס אזא מינ צופאל...
(קערט זיך אויס, דערזעט, אז קלערכען איז איַינגעשלאָפן)

עי, קלערכען, קלערכען... שלאָפט...

און ער דאָרטן שלאָפט אויך, דער בופלאק...

(כאפט דאָס טרײַבל)

זשאנדארם-ביוראָ! איר הערט!
הא! איך! דערקאָנט מאטישן... פלאָריאנען.
קומט גלײַך אהער!
ס'רעדט מײַער! מײַער! יאָ! פון שענק, באם באנהויף!

(עס גייט ארײַן מאטיש. ער פירט סאבינאַ, וועלכע איז שטארק מיד. מײַער ווארפט האסטיק דאָס טרײַבל און גייט ארויס, אויסמײַדנדיק צו קוקן אף זיי)

מאטיש

ביסט מיד. דו שטייסט קוים אף די פיס
און ווילסט דעם ווינט ניט אָפטרעטן דעם דרויסן.
ווער ברענגט עס אויס זײַן ווארעמקײַט אומזיסט,
זיץ דאָ און רו דערווײַל זיך אויסעט.
דער פאלקע שײַנט מיר זײַן א ווילער יונג...

סאבינא

צי האָט ער ניט דערקאָנט דיך...

מאטיש

מעגלעך, מעגלעך...
אזעלכע שטויסן אָן זיך אפן ווונק...

סאבינא

אך, ווי עס געדויערט... אומדערטרעגלעך...

מאטיש

בארויִק זיך, סאבינא... נו, איך דענק,
אז קיין געפאר אצינד אונדז דראָ'ט ניט.
דער פאלקע ארבעט זייער אָנגעשטרענגט,

ווי ער וואָלט וועלן
אין דער מאשין אריינהויכן זיין אָטעם.

ס א ב י נ א

און דאָך ווי לאנגזאם... גיי ארויס אהין,
דערקלער אים נאָכאמאָל: מיר מוזן פאָרן...
מיר הייבט אָן דאכטן, ניט בא דער מאשין,
נאָר בא דער צייט
דאָרט האָבן אָפּגעשטעלט זיך די מאָטאָרן.

(עס גייט אריין פאלקע, פּאָכעט פריילעך מיטן אוטאָמאָביל־שליסל).

פ א ל ק ע

נו, פארטיק! שוין! פאריכט!!

מ א ט י ש

א דאנק, א דאנק, גענאָסע!.. ניט פארשפּעטיקט!

ס א ב י נ א (איילט אים)

קום גיכער, גיך.
די לעצטע אָנשטרענגונג און רעטונג, רעטונג...

מ יי ע ר (גייט ארײַן, פארשטעלט מיט זיך דעם וועג)

שוין?.. קלויבן זיך?.. וואָס איילט איר אין דער נאכט?
אפ א מאשין, וואָס דאָך איז זי צעשמעטערט...

פ א ל ק ע

ניין, די מאשין איז איצטער גוט געמאכט.
כ׳פארזיכער, יאָגט כאָטש טויזנט קילאָמעטער.

מ יי ע ר

וואָס טויג זיי יאָגן... נאס און קאלט...
זיי וואָלטן איבערנעכטיקן געקענט שוין...

פאלקע

פאָרט! פאָרט!

(שטופּט זיי צו דער טיר)

מאטיש

יאָ, יאָ, גענאָסנ, פאָרנ...

(א פייפ פונ א צוגעפאָרענעמ אווטאָמאָביל. ס'גייענ אריינ זשאנדאר-

מענ מיט אנ אָפיצער אינ דער שפּיצ)

אָפיצער

האלט!!!

פונוואנענ זיינענ אָט די מענטשנ?

ווער זיינט איר? ווו איז אייער שיינ?

(מאטיש דערלאנגט א פּאפּירל. דער אָפיצער קוקט לאנגזאמ פּאנאנדער)

א... פרייע עקסקורסאנטנ...

(צו סאבינא)

אויכ איר?..

מאטיש

מיינ פריינדנ...

אָפיצער

א... פיינ, פיינ!

אונ ווירקלעכ, ווירקלעכ דאָכ ווער זיינט איר!

(פּאוזע. ווענדט זיכ צו איינעמ פונ די זשאנדארמענ)

וואכמיסטער, דערמאָנט אימ ווער ער איז!

פּילייכט וועט ער אונדז דעמלט זאָגנ...

זשאנדארמ (טרעט ארויס פאָרויס)

אָ, יאָ, ס'איז פלאָריאנ מאטיש...

ער האָט זיכ קעגנ אונדז געשלאָגנ.

אָפּיצער

די הענט אימ שליסט! די פיס אימ פּענט!

(שליידערט אָפּ סאבינא, וועלכע ווארפט זיך צו מאטישן)

אוועק! מיט דיר וועט מען נאָך ריידן שפּעטער!

קלערכען (כאפּט זיך אויפ פונ שלאָף. דערשראָקן. מאכט א ליארעם)

אוי! אוי! אוי! וואָס טוט איר... פּעטער! פּעטער!

שענקער (דערשיינט מיט אימפּעט. שליידערט אָפּ איין צימער די שרייענדיקע קלערכען. כאפּט ארומ מיטן בליק דאָס פּאָרגעקומענע. פארברעכט די הענט)

געכאפּט!!! אזא מינ גליק ארויס פונ מיינע הענט!

אָפּיצער

איר זייט דער ווירט? ווער איז אינ יענער קאמער?

שענקער

דאָרט קיינער ניט. די קאמער איז גאנצ פריי.

אָפּיצער

מיר קענען זי פארנעמען אפּ א ווייל?

שענקער

אָ, ביטע, ביטע... זייער אנגענעמ מיר.

אָפּיצער (ווייזט אָנ אפּ דער טיר פונ צווייטנ צימער)

וואכמיסטער! נעמט זיי אפּ פארהער!
אהינ! אפּ צענ מינוט איר האָט אימ.

(מע פירט אוועק מאטישנ אונ סאבינא)

אָפּיצער (נעמט דאָס טרייבל)

זשאנדארמ־ביוראָ! דעמ פּראָקוראָר אהער!

און בײַזיצער — צוויי גוטע פּאַטריאָטן!

(וואַרפט דאָס טרײַבל)

ווער איז דאָ מײַער?

מײַער

איך...

אָפּיצער

דערלויבט אײַך גראַטולירן!

מײַן הער! אין מײַן פּערזאָן אײַך גראַטולירט

די אָרדענונג, די היימווער, די רעגירונג...

(צום שענקער)

און איצטער, ליבער ווירט!

איך וועל אײַך בעטן:

אויך דעם לאָקאַל מיר אָפּרייניקן גיך!

נעמט צו, נעמט צו די פלייש, די פּאַשטעטן!..

(דער שענקער וואַרפט זיך אָפּראַמען פון בופעט)

דאָ וועט באַלד פּאָרקומען דער שטאַנד־געריכט.

גאַנץ עסטרײַך הערט שוין, זעט שוין און באַגיטיקט,

וואָס דאָ אין אײַער הויז קומט פּאָר...

(עס קומט דער פּראָקוראָר און דער בײַזיצער פּופקע)

הער פּראָקוראָר! געקומען! ביטע! ביטע!

פּראָקוראָר

ווו זײַנען די באַשולדיקטע?

אָפּיצער

אָן דאָרט.

פ ר אָ ק ו ר אָ ר

דערלויבט מיט זיי זיך פּאָרלויפיק באַקענען.

אָ פ י צ ע ר

איר דאַרפט דערויף א סאַך?

פ ר אָ ק ו ר אָ ר

באַשעפּטיקונג, די יאָרן און די נעמען...
האָט איר אַרויסגעשטעלט דאָרט א פאַרשטאַרקטע וואַך?

פ ו פ ק ע

יאָ, יאָ, שטייען אָפ דער וואַך ניט יעדער סלופּ קען.
מע דאַרף זײַן פּאָרזיכטיק, ווער ווייסט, וואָס טרעפט...

פ ר אָ ק ו ר אָ ר (שטעלט אים פאָר)

ס'איז אונדזער בײַזיצער, הער קאַרל פופקע...

(גייט אין צווייטן צימער)

פ ו פ ק ע

יאָ, קאַרל פופקע! הויזווירט און געהילצ-געשעפט...
געזעסן אין דער היים אזוי געמיטלעך.
איך קוק: דער זייגער האַלט שוין שפּעט,
דאַן רוף איך אָן זיך: ביטע, ריטע, —
מײַן פרוי הייסט ריטע, — וואַרעם אָן די בעט,
כ'האָב ליב, אז דער געלעגער איז מיר וואַרעם.
אָט זאָג איך: ביטע, ריטע, וואַרעם אָן...
נאָר אומדערוואַרט, איך הער א ליאַרעם...
עס קלינגט אין טעלעפאָן...
דאַן שפּרינג איך אויפעט גאַנץ פאַרוווּנדערט,
דאָך זאָג איך: קיל ניט אָפּ די בעט...

אָפּיצער (שאַקירט)

הער פּופּקע... המ... אנטשולדיקן איך בעט,
באומרויִקט אײַך אין אזא מין שפּעטער שטונדע.
מיר האָבן אײַך געמוזט דאָ אין געריכט,
אַלס בײַזיצער... איך גלייב, איר האָט ניט קעגן?..

פּופּקע

יאָ, יאָ, פֿארלאָזט א ווארעמען געלעגער
און גלײַך געקומען אויספּילן מײַן פֿליכט.
פֿארשטאנען, אז איר מוזט מיך דרינגענד,
איך בין געלעגן שוין גאנץ אויסגעטאָן.
צוערשט ניט אײַנגעפאלן, ווער קאָן קלינגען
אין טעלעפאָן...
דאָך זאָג איך: ביטע, ריטע,
ליג, ליג, מײַן שאַץ...

אָפּיצער (אומגעדולדיק)

הער פּופּקע! ביטע אײַך פֿארנעמען פּלאַץ...
מיר הייבן אָן... ארײַנפירט די בא... נדיטן!
וואכמיסטער! ווארט! לאָזט איבער דאָרט די פֿרוי.
היסטעריק...
אזוי.
דערווײַל גייט אַלץ דאָ ווי געהעריק...
נאָר אונדז פעלט נאָך א בײַזיצער... הער ווירט!
דאָס פּאָטערלאנד אײַך רופט צו העלדנטאטן!

שענקער

נאָר איך בין גאָר ניט גרייט...

אָפּיצער

דאָס קאָן ניט שאטן.

איר וועט עס מאכן גאנץ אימפּראָוויזירט.

זעצן זיך אויס פייערלעך באַם טיש. פּופּקע און דער שענקער באַ די זייטן. דער אָפּיצער אינמיטן. מע פירט אריין מאטישן. דער פּראָקוראָר פארנעמט זיין אָרט)

אָפּיצער

אלזאָ, צי זיינען אלע דאָ פאראן,
די בייזיצער? דער פּראָקוראָר? די איידעס?
און דער באשולדיקטער אויך שטייט דאָ.
דאנ...
איך רעכן...
ס'איז אלץ און אל געזעצלעך אפּן אָרט...
הער פּראָקוראָר, איר האָט דאָס וואָרט!

פּראָקוראָר

ס'איז קלאָר די זאך און קלאָר איז דער פארברעכן.

(פאטעטיש)

פיר טעג געהאלטן אונדז אין טויטן-שרעק
א באנדע רויבער, אויסוורפן, גאָט-לעסטערער...
ווי האָסטו דורכגעלעבט אזעלכע טעג,
אָ, אונדזער פאָטערלאנד! אָ, אונדזער עסטרייך!
דער גרויל פון אָט די טעג, ער איז נאָך פריש.
ער קויקלט זיך נאָך ווי א דונער איבער פלאך־ערד,
און דאָ אָט שטייט פאר אונדז אליין דער דונערמאכער,
דער בייזער גייסט פון עסטרייך — פלאָריאן מאטיש.
ווער איז ער? און פונוואנ האָט אים פארטראָגן?
אפּ אופטרייסלען די רו אין אונדזער קאנט...
פון ערגעץ-ווו אן עמיגראנט,

וואָס האָט אויך דאָרט די אָרדנונג ניט פארטראָגן.
האָט ער אין אונדזער גאָט־געבענטשן פרידן
פאר אופטרייסלונגען דאָס געווער געשארפט.
און ברידער דאָ באוואָפנט קעגן ברידער, —
און וואָס האָט ער געוואָלט?
און וואָס האָט ער באדארפט?
בארויבן אונדזער לעבן און פארמעגן...
הער ווירט! בא אייך די קופּל און די קוואָרט!
הער פופקע, אייער ווארעמען געלעגער!

פופקע

יאָ, ריכטיק, ריכטיק, בראוואָ, פּראָקוראָר!

פּראָקוראָר

בארויבן אייך! פארניכטן אייך! צעטרעטן!
ווער ווייסט, אויב אים האָט זיך שוין ניט געדוכט,
אָט שטעלט ער אויף די מאכט פון די סאָוועטן...
זיי האָבן איין מאָל שוין פארזוכט
אין אונגארן בא בעלא קונען...
יאָ, יאָ, אָט דאָס האָט ער געוואָלט, דער מענטש —
אָט איז ער, דער געשפּענסט
פון יענער שרעקלעכער קאָמונע!
אָ, ריכטער, זעט, אָט איז ער, דער געשפּענסט!
און צוליב דעם האָט ער געטומלט: פרייהייט!
און קלאסן־פיינטלעכקייט און ברידער־האס געזייט.
און האָט געשפּילט מיט פּולווער און מיט פייער...

מאטיש (הייבט זיך אוף)

הער פּראָקוראָר! צו וואָס אזויפיל רייד.
צו וואָס אזויפיל רייד פאר אָט דעם שענק דאָ?

איר מוזט דאָך גיכער אָפּפּאַרטיקן
די גערעכטיקייַט,
עס טרייַבט דאָך אונטער זי דער הענקער,
וואָס וואַרט שוין זיכער ערגעץ דאָ ניט ווייַט.
איר האָט דען דאָרט נאָך ניט באַפוילן
די טליִע גרייט מאַכן
און אויסגראָבן די גרוב אַפּגיך,
צו וואָס זשע נאָך די קונצן אָט די פוילע.

פּופּקע (שפּרינגט אויף)

הער פּראָזיצער... באַליידיקט דעם גערייכט...

(פּראָזיצער — א קלונג)

מאַטיש

איך האָב געקעמפט אַזוי, ווי כ'האָב געקענט נאָר,
פאַר גליק און זיג פון אַרבעטער, פאַר זייער מאַכט.
איר האָט געפאַנגען מיך. איך שטיי פאַר אייַך געפענטעט.
איך ווייס, וואָס איך דערוואַרטן קאָן פון אייַך.
און איר? צי ווייסט, וואָס איר קאָנט האָפן?
איין טאָג, ווען אייַך וועלן אויעקשטעלן
פאַר זייער גרויזאַמען גערייכט
די אַרבעטער — וואָס איר האָט איצט אַנטוואָפנט,
נאָר ניט פאַרניכט.
איר האָט מייַן קאָפּ געקויפט פאַר פינעף טויזנט שילינג.
א הויכער פרייַז! א שטאַרקער פרייַז — איך זאָג!
אויב גוט א טראַכט טאָן נאָר, ווי ביליק
ס'וועט קאָסטן אייַער גאַנצער קלאַס אין יענעם טאָג.
דער אורטייל קומט... ער קומט...

פּופּקע

אַך, אומדערהערט! אַך, שענדלעך!

אָפּיצער

הער פּופּקע, רויק!

פּופּקע

כ׳קאָן ניט. ס׳הייבט פון אָרט!

אָפּיצער

באשולדיקטער! ס׳איז אייער לעצטע וואָרט.
נוצט אויס דאָס אָנשטענדיק.

מאטיש

א דאנק אייך, כ׳האָב געענדיקט.

פּראָקוראָר

ווי פרעך! ווי אומפארשעמט! אָט זעט! אָט האָט איר!
דער טייוול איז אזוי ניט איינגעשפּארט.
קיין פונק באדויערן! קיין טרער כאראָטע!
אין לעצטער שאָ, וואָס אים דערוואַרט.
דער מענטש איז טיף פארפעסטעט,
קיין הייליקייט און קיין מאָראל, און קיינע פליכט!
ווי האָט ביז איצט געליטן עסטרייך
אזא געשוויר אף זיך.
איז וואָס זשע נאָך דערווארטן זיך מע קען פון אים?
אָ, ריכטער, כ׳פאָדער! פאָדערט אויך מיט מיר!
די האק פון הענקער זאָל וואָס גיכער עפענען
אָט דעם געשוויר...

פּופּקע (זייער פייערלעך)

מיר וועלן דער גערעכטיקייט ניט שטערן.
און זאָל פארברעכן ניט פארבלייבן אָן א שטראָף.

אָפּיצער (פלינק צום שענקער)

איך איר דערווידערט ניט, איך האָפּ.
ב׳פארשטיי אײַך, מײַנע הערן.
דאן...
אונדז בלײַבט ניט צו פארציִען לענגער,
אין נאָמען פון געזעץ און פאָטערלאנד...
באשולדיקטער, פארורטיילט... הענגען...

(אלע הייבן זיך אוף)

פּופּקע

אוף... אוף... א שווערע נאכט... א שווערע פליכט...
מיר שטייט נאָך פאָר צו גיין אהיים פונדאנען.

(צום שענקער)

מײַן הער, אָט אײַך בין איך מעקאנע,
איר זײַט שוין אין דער היים... בא זיך.

אָפּיצער

אָ, ניין, ניט איר, ניט איר זײַט נאָך ניט פרײַ.
אָט באלד דער אורטייל אויסגעפירט ועט ווערן.
איר ווילט דאָך זיכער זײַן דערבײַ,
וואכמיסטער, עי, באגלייט אהין די הערן!

(פּופּקע, דער שענקער, דער פּראָקוראָר און וואכמיסטער אָפּ)

פארורטיילטער, צי זײַט איר גרייט צום גאנג?

מאטיש

געזעגנען זיך...

אָפּיצער

דאָס קאָנען מיר דערלויבן.

די פרוי אהער!

(מע פירט אריַין סאבינא)

וואָס האָט איר נאָך פאר א פארלאנג?

מאטיש

ניט האָבן דאָ איַיך מערער פאר די אויגן.

(אָפּיצער גייט אָפּ באשיידן אין א זיַיט. סאבינא שטייט פארגליווערט, מיט די הענט פארדעקט דאָס פּאָנעם)

מאטיש

סאבינא, קום אהער! הייב אוף דעם קאָפּ!
האָסט שטענדיק דאָך פאר זיך און פאר אונדזביידע
אזויפיל מונטערקיַיט פארמאָגט,
וועסטו דען איצט מיט מונטערקיַיט זיך שיידן?
די רו און היימלעכקיַיט פון דיַינע טעג
האָסטו מיט מיר פארביטן אָפּ געפארן.
און האנט בא האנט מיט מיר געגאנגען א קאלטן וועג,
און נאָר בא פיַיערן פון קאמף דאָס הארץ געווארעמט.
גיב דיַינע הענט. אזוי, אָט גוט.
אזויפיל מאָל האָסטו מיך ניט פארלאָזן אָפּ אליין זיַין,
איז וואָס זשע ווערט
אָט די פארשאָלטענע געזעגענונג-מינוט
אנטקעגן גרויסן לעבן,
וואָס איך און דו — מיר האָבן דורכגעמאכט געמיינזאם.

(זי וויינט)

סאבינא, פריַינט...

סאבינא

ניין, ניין,
איך וויין ניט מער. איך וויין דאָך ניט, איך וויין ניט.
איך ווייס, מע טאָר ניט מיט געוויין

אזא מין טרויער אומזיניק פארוויינען.
אין הארצן טיף באהאלטן ווי א שטיין
א ווײַ אזא מין...
איך וועל מיט דיר צוזאמען גיין,
ווי מיר זײַנען ביז איצט געגאנגען צוזאמען.

מאטיש

ניין, שלום. מאטיש איז אָפּגעגאנגען זײַנס.
ביז סאמע ראנד דאָס לעבן הייס דערטראָגן.
אויב דו וועסט ווען נאָך טרעפן זיך מיט פרײַנט —
איך שטארב, ווי כ'האָב געקעמפט — זאָלסטו זיי זאָגן.
עס טוט נאָר באנק, וואָס ניט אין שלאכט.
געוואָסן מײַנע ליבע...

(ער מאכט א באוועגונג נעענטער צו פאלקען)

אויב דאָ מיך הערט כאָטש עמעצער פון אײַך,
דורך אים מײַן הארץ איך גיב אײַך איבער.
דורך אים אײַך אלעמען די הענט איך דריק.
דורך אים פאר מײַן געזעגנען און אומגעזעגנט איך ענטפער:
מיט אלץ האָט זיך מאטיש צעשיידט,
נאָר ניט צעשיידט מיט זיכערקײַט אין זיג,
ווען ארבעטער דאָרט לעבן נאָך און קעמפן.
איז לעבט און קעמפט! איר אלע, לעבט און קעמפט!

אָפּיצער (קערעוועט זיך שארף אויס)

געגנוג! דעם מויל פארשטאָפּן! זאָל ער שטומען!
אוועקגעפירט!

(די זשאנדארמען נעמען מאטישן)

סאבינא

מיך אויך! איר נעמט!

אָפּיצער (שטויסט זי אָפּ)

האָב צײַט! אויך דו וועסט דײַנס באַקומען!

(א זשעסט. מע פירט זי אויך אוועק. ער שטייט א רעגע טראַכטנדיק.
דערנאָך קוקט ער זיך צופרידן אַרום)

שוין.

גיט שלעכט. געלוינט דערופּ א נאַכט צעבראָכן...

הער מײַער! א, איר וואַרט אַפּ אײַער לוין...

יאָ, יאָ, פאַרדינט, באַקומט...

נו, דאַכט זיך, איצט

מיט אַלעמען צערעכנט.

(גייט שנעל אַרויס)

מײַער (שטאַרק צעטומלט, גייט צו דער טיר, איבערקלײַבנדיק מיט ציטערנדיקע פינגער די באַקומענע פּאַפּירלעך)

ווי אומדערוואַרט... ווי אומגעריכט...

פאַלקע (וועלכער איז געזעסן די גאַנצע צײַט דערשטוינט, כאַפּט זיך האַסטיק אויף, פאַרלויפט אים דעם וועג)

האַלט!

מײַער (דערשראָקן)

וואָס ווילט איר?

פאַלקע

גאָרניט, גאָרניט. כ'וויל אײַך גראַטולירן.

וואָס אײַלט איר זיך? ס'איז נאַכט. ס'איז קאַלט.

איצט גיין — באַדאַרפט איר גוטע קאָנוואָירן.

אַזויפיל געלט.

און ליבהאָבער אַפּ פרעמד פאַרמעג

פאַראַן גענוג, סײַ פרעמדע און סײַ היגע.

איר זײַט איצט רײַך, אָט איצטער װען איר שטעלט
א פּאָר פלאַש װײַן — װאָלט איך מיט פאַרגעניגן...

מײַער

איך שטעל. איך שטעל... נאָר זאָל זײַן ניט אצינד...
אַן אַנדערשמאָל... אַף מיר װעט ניט פאַרפאַלן...
איך מוז אהײם. עס װאַרטן װײַב און קינד.

פאַלקע

עס מאַכט ניט אויס. זײ שלאָפן שוין דאָרט אַלע.

מײַער

ניין, גײן — איך מוז.

פאַלקע

איך זאָג דיר, בלײַב!

מײַער

לאָזט גײן.
איך רוף צוהילף. כ'װעל שרײַען...

פאַלקע (נעמט ארויס א רעװאָלװער)

אָט פּרוװ. איך האָב מיט װאָס פאַרהאַקן דיר די ציין.
הער מײַער...

מײַער (טרעט אָפּ דערשראָקן)

װאַרט. װאַרט. װאָס װילט איר? זאָגט!
א טײל? א העלפט?
נו, פינעף הונדערט שילינג... זײַט איר קאָנטעט?...

פאַלקע

באַהאַלט דײַן געלט!

דײַנע בלוטיקע מאַיאָנטעק!
באַלד וועסטו זען, וואָס פאַר א ווערט עס האָט
פאַר א געריכט, אַן עכטן און גערעכטן.
אוועקגעזעצט! פאַרנעם דײַן אָרט!
פאַרעטער נידערטרעכטיקער!
אָט דאָ האָסטו דאָך אים אוועקגעשטעלט פאַר זייער האַס,
אַז זיי זאָלן אים מישפּטן, די מאַלפּעס...
איצט — דיך וועט מישפּטן אין נאָמען פון מײַן קלאַס
איך,
דער פּראָלעטאַריער — פאַלקע!
פאַרוואָס האָסט אים פאַרקויפט? פאַרוואָס? פאַרוואָס?
ווי האָסטו אים אַזאַ מיַן ביס געגעבן?
ניט ער האָט דען זײַן רו פאַרלאָזט
און האָט אין קאַמף פאַר אַרבעטער געשטעלט זײַן לעבן?
ניט ער האָט דען ביז לעצטן אויגנבליק
מיט בלוט און מוט געצאָלט פאַר אונדזער מאָרגן?
אַזאַ מין האַרץ דערשטיקט!
אַזאַ מין האַלדז דערוואָרגן!
און איך — דאָס צוגעזען פון דער זײַט.
מאַטיש! האָסט ניט פאַרדינט דאָס, כ'לעבן.
פאַרשאָלטענע אומעכטיקייַט!
די האַנט אַפילע ניט געטאָרט
א לעצטן מאָל דיר געבן.
דאָס האַרץ ווי פּלאַצט ניט בא א מענטש,
ווען ס'איז אַזוי מיט צאָרן פול דאָ...
פאַרטיידיק זיך, פאַרעטער, אויב דו קענסט!
נו, פּרוּוו זיך כאָטש, נו זאָג: איך בין ניט שולדיק...
וואָס שווײַגסטו? דו! וואָס איז מיט דיר?
דיר איז ניט גוט?..
די שילינגס, די פּאַפּירענע, אין גאָרגל שטיין געבליבן?

אָט באַלד וועסטו זיי אויסשפּייען מיט בלוט...
מיט מיינער הילף...

מ ײַ ע ר

וואָס ווילט איר טאָן, מײַן ליבער.
איך בין אַ קליינער מענטש. באַטראַכט זיך שטאַרק,
וואָס לוינט אײַך איבער מיר אין אַ געפאַר זיך שטעלן?

פ א ל ק ע

זײַ זיכער! קיין געפאַר!
מיך אויסגעבן, מיך כאַפּן —
וועט זיך קיינעם שוין ניט וועלן.
פאַר קיינע געלט,
פאַר קיינע טויזנט...
ווען ס'וועט אַ שוידער טאָן איבער דער גאַנצער וועלט,
ווי איך האָב דאָ מיט דיר זיך אָפּגערעכנט גרויזאַם,
ווען עס וועט טרעפן דעם פּאַראַט אַליין —
דײַן פינצטערע דערפאַרונג...
צום וואַנט!

מ ײַ ע ר

אוי, ניין.
דערבאַרעמט זיך, דערבאַרעמט.
מײַן אומגליק איז געווען — כ'האָב אים דערקענט.

פ א ל ק ע

און איך האָב אים דען ניט דערקענט — מאַטישן...
פאַר מיר איז דאָס אַזאַ מין גליק געווען.
דו שלאַנג, דו ביסט אַרײַנגעקראָכן צווישן.
מיט דײַן פּאַראַט
ביסטו מײַן הילף דעם וועג פאַרלאָפן.

און ווילסט נאָך, דיר זאָל אָפּגיין גלאַט,
אָפּ בארעמהארציקייט — דו ווילסט נאָך האָפּן...

מייער (פארשטעלט מיט די הענט די אויגן)

מיין ווייב און קינד וואָס וועלן טאָן אצינדער?..
מיין ווייב און קינד מיר טוען באַנק...

פאלקע

דו האָסט א ווייב און קינדער —
געזעגן זיך מיט זיי אין דיין געדאנק!
דיין טויט נאָר קאָן זיי איצט פון שאנד באשיצן.
זיי וועלן זאָגן מיר א דאנק...
און מיט דיין שטוב, און מיט דיין ערד, דעם פּיצל —
געזעגן זיך אין דיין געדאנק!
און מיט דיין געלט, וואָס איז בא דיר אזוי פארגעטערט,
מיט דיינע שילינגס, וואָס דו האָסט אזוי פארלאנגט,
פארעטער,
געזעגן זיך אין דיין געדאנק!
און מיט אלץ, וואָס דיר איז טייער,
און מיט אלץ, וואָס דיר טוט באנק —
מייער,
געזעגן זיך אין דיין געדאנק!
(א שאָס. מייער פאלט)

פאלקע (גייט צו דער טיר. פארהאלט זיך)

פארעטער! הענקער!
אָט אזוי וועט איר פארניכט זיין אלע.
דער קאמפּ ערשט הייבט זיך אָן.
מאטיש! זי לעבט, זי לעבט די פאָן,
וואָס איז פון דיינע הענט ארויסגעפאלן!

(ארויס. טויט־שטיל)

שענקער (קומט אריַין, שטויסט זיך אָן אפן טויטן מיַיער, בליַיבט געפלעפט, דערנאָך צעשריַיט זיך ווילד)

צוהילף! צוהילף! א מאָרד! א מאָרד!

(אן אָנגעלויפ)

בא מיר אין שטוב! אין מיַינע ווענט!
מאטיש, דאָס האָט מען אים פאר דיר אזוי באזאָרגט!
אזא מין גליק — ניט איך האָב דיך דערקענט!..

פאָרהאנג

פּאָלס

לויט

לאָפּע דע וועגאַס

„שעפּסנקוואל“

פערזאָנען:

קאָמאנדאָר פערנאן גאָמעס.
פלאָרעס.
ארטוניאָ.
עסטעבאן — פויערשער ריכטער אין שעפּסנקוואל.
לאורענסיע — זײַן טאָכטער.
כואן דער רויטער.
פראָנדאָסאָ — זײַן זון.
מענגאָ.
באסינטע.
באריל‌דאָ.
אלאָנזאָ.
פויערים.
סאָלדאטן.

דאָרף שעפּסנקוואל אין שפאניע.

ערשטער אקט

ערשטע סצענע

פּלאַץ אין שעפּסנקוואַל. אפן צווייטן פּלאַן דעם קאָמאַנדאָרס הויז. כואַן דער רויטער, עסטעבאַן, אַלאָנזאָ און אַנדערע פּויערים שטייען און קוקן אַרויס צום וועג, פונוואַנען מע דערוואַרט דעם קאָמאַנדאָר. עס קומען אָן דעם קאָמאַנדאָרס דינער פלאָרעס און אָרטוניאָ.

כואַן דער רויטער

ער גייט... ער גייט...

עסטעבאַן

איך זע אים ניט.

כואַן דער רויטער

ביסט אפּ דער עלטער בלינד געוואָרן.

עסטעבאַן

נאָר דאָס איז ניט דער קאָמאַנדאָר.

כאַסינטע

דאָס איז אָרטוניאָ, דאָס איז פלאָרעס!

ל א ו ר ע נ ס י ע

דעם קאָמאַנדאָרס געטרײַע מענטשן!

ע ס ט ע ב א ן

ווען אויך דער קאָמאַנדאָר באַלד זײַן.
היי... מוזיקאַנטן, — גרייט זאָל זײַן!

(עס גייען צו פלאָרעס און אָרטוניאָ. בײַ אָרטוניאָ איז דער קאָפּ
אַרומגעבונדן — ער איז פאַרוווּנדעט. אַלע רינגלען זיי אַרום)

פ ל אָ ר ע ס

זאָל גאָט אײַך בענטשן!

א ר ט ו נ י אָ

...גאָט אײַך בענטשן!

ל א ו ר ע נ ס י ע

פונוואַנען קומט איר, ליבע פרײַנט?

פ ל אָ ר ע ס

פון דאָרט, ווו דו ביסט ניט געווען
און ווו כ׳וואָלט אויך געוואָלט ניט זײַן.
דו זעסט, ווי מע האָט אים צעשעדיקט —
קוים לעבעדיק צוריק געקומען.

כ א ס י נ ט ע

איר האָט געשלאָגן זיך אין שלאַכט?
דערציילט, וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען.

א ר ט ו נ י אָ (שטויסט אָפּ פלאָרעסן)

יאָ, כ׳קאָן דערציילן אײַך אַ סאַך.
צען דערפער פויערים געמיינע,
וואָס לעבן לאַנג אויף אונדזער ערד,

אַן אופשטאַנד האָבן אונדז דערקלערט
און אופגעהויבן זיך, ווי איינער.

פלאָרעס (שטויסט אָפּ ארטוניאָ)

ניין, ניט געשטויגן, ניט געפלויגן...
אָט איך וועל אײַך דערציילן קלאָר,
ווײַל איידעס זײַנען מײַנע אויגן,
ווי אונדזער דרייסטער קאָמאַנדאָר
האָט זיך צערעכנט מיט זיי אַלע.
ווי פלינק און העלדיש און געשיקט
ער איז די אויסוואָרפן באַפאַלן
און האָט דעם אופשטאַנד דאָרט דערשטיקט.
אַ יעדן צענטן האָט ער דאָרט
דעם קאָפּ אַראָפּהאַקן באַפוילן
און אַלע איבעריקע... נאָר...
געהייסן אָפּשמײַסן אָפּ הוילן.
פאַר אַזאַ גנאָד אים קומט אַ דאַנק,
עס שאַט ניט, איר זאָלט אויך דאָס וויסן...
יאָ, הייסט עס, האָט מען זיי געשמיסן...
זיי וועלן דאָס געדענקען לאַנג...
זיי וועלן ווי אַ גוטן טאַטן
איצט שעצן אונדזער קאָמאַנדאָר.

ארטוניאָ

און זײַנע העלדישע סאָלדאַטן...

פלאָרעס (שטויסט אים אָפּ)

וואַרט, וואַרט... מוזיק מע הערט שוין דאָרט...
נאָר וואָס האָט איר די קעפּ פאַרלאָרן,
באַגעגנט פריילעך אײַער האַר,
ער וועט באַדאַנקען אײַך דערפאַר.

עסטעבאַן

היי, שאַלט אין האָרן, שאַלט אין האָרן!

(אונטער קלאַנגען פֿון מוזיק קומט דער קאָמאַנדאָר)

מוזיקאַנטן (שאַלן און זינגען)

קום צו אונדז מיט פֿרידן,
אונדזער קאָמאַנדאָר.
ליב־געזאַנג און לידער,
גרויסער קאָמאַנדאָר,
דיר איז אונטערטעניק
אונדזער שעפּסנקוואַל.
קיינמאָל ווידערשפּעניקט
אונדזער שעפּסנקוואַל.
קום צו אונדז מיט פֿרידן,
אונדזער קאָמאַנדאָר.
ליב־געזאַנג און לידער,
גרויסער קאָמאַנדאָר.

קאָמאַנדאָר

איך דאַנק אײַך אַלעמען, איך דאַנק
פֿאַר אונטערטעניקייט און ליבע.

אַלאָנזאָ

סעניאָר, ס'איז נאָר אַ קליינער טייל
פֿון אונדזער ליבע, אונדזער טרײַהייט.
אײַך קומט, סעניאָר, פֿון אונדז פֿיל מער.

עסטעבאַן

אַ קאָווער איז פֿאַר אונדז אַ גרויסער,
וואָס איר זײַט אין אַזאַ מין צײַט
צו אונדז אין שעפּסנקוואַל געקומען.

אַלאָנזאָ

מיר בעטן אונטערטעניק אײַך,

ניט זאָגט זיך אָפּ פון די מאטאָנעס,
וואָס זײַנען דאָ פאר אײַך פארגרייט.
פון אַלץ צוביסלעך און ניט ווייניק
האָט שעפּסנקוואַל אהער געבראכט.
דאָ האָט איר געגדז א גאנצע סטאדע,
און אינדיקעס א צוואנציק פּאָר.
און פעטע היגער פולע שטײַגן,
און ווײַן א פעסל אויך פאראן,
און ווײַנטרויבן, און גרינס, און בלומען.
זאָל, קאָמאנדאָר, אײַך וויל באקומען.

קאָמאנדאָר

איך דאנק אײַך שיין, איך דאנק אײַך שיין,
נאָר לאָזט מיך איבער איצט אליין.

מוזיקאנטן

קום צו אונדז מיט פרידן,
אונדזער קאָמאנדאָר,
ליבע־געזאנג און לידער,
גרויסער קאָמאנדאָר.

(די פויערים הייבן זיך אָן פאנאנדערגיין)

קאָמאנדאָר (צו לאורענסיע און כאסינטע)

און איר בלײַבט דאָ.

לאורענסיע

וואָס דארפט איר אונדז?

קאָמאנדאָר

אָט קומט אהער! איך דארף אײַך נייטיק.

לאורענסיע

דאָס מיינט ער דיך, כאסינטע, דיך.

כ א ס י נ ט ע

ניט מיך, ניט מיך, ער מיינט א צווייטע.
נעמ טראָג זיך אָפּ אָן לאנגע טײַנעס.

קאָמאנדאָר

אײַך ביידע מיינט דער קאָמאנדאָר.
איר זײַנט דען, מיידעלעך, ניט מײַנע?

לאורענסיע

פארשטייט זיך, אײַערע, סעניאָר.
גאנצ שעפּסנקוואל איז אײַער... אײַער...

קאָמאנדאָר

איז קומט ארײַנ צו מיר אהיימ,
וואָס האָט איר מוירע, ווי פאר פײַער?
איר וועט דאָך זײַנ דאָרט ניט אליינ.

לאורענסיע

וואָלט איר מײַנ פאָטער אויך פארבעטנ,
וואָלט מיר ארײַנגגיינ אויך געפּאסט,
נאָר אָנ א פאָטער, אָנ א פעטער
וועל איך ניט גייננ צו אײַך צוגאסט.

קאָמאנדאָר

עי, פלאָרעס!

פלאָרעס

הא, סעניאָר, איך הער!

קאָמאנדאָר

וואָס וואַרטנ זיי?

פלאָרעס

אָט וועל איך פרעגן.

לאורענסיע

כאסינטע, לאָמיר גיך אוועקגיין.

פלאָרעס (לאָזט זיך צו די מיידלעך)

אהערצו, מיידעלעך, אהער,
צו וואָס זאָלט איר זיך לאָזן בעטן!

לאורענסיע

באהאלט די הענט און שטיי פון ווייַט!

פלאָרעס

אריַין, אריַין, וועסט ריידן שפּעטער!

כאסינטע

אוועק! מיר ווייסן ווער איר זייַט!
מיר וועלן נאָר די שוועל אריבער,
וועט איר פאריגלען גלייַך די טיר.

פלאָרעס

אָט וועל איך כאפּן דיך, מייַן ליבע,
וועל איך זיך אויסטייַנען מיט דיר.

קאָמאנדאָר

ארטוניאָ, שטיי און היט די שוועל,
און ווי ער וועט זיי נאָר פארנארן,
זאָלסטו דעם וועג פארלויפן שנעל
און זאָלסט די טירן גלייַך פארשפּארן.

(גייט אריַין אין הויז)

פלאָרעס

נו, גיכ! אַרײַן, אַרײַן אין הויז.
אײַ, זײַט איר מיידעלעכ געשמאַקע.

לאָורענסיע

עי, פלאָרעס, לאָז אונדז גייִן!

פלאָרעס

וואַרט אויס!

לאָורענסיע

ווי דען, ווי דען, אָט וואַרט איכ טאַקע...

(גיט א שטאַרקן שטויס פלאָרעסן און אַנטלויפט, פאַסיגטע נאָכ איר)

פלאָרעס

אַרויסגעפלויגן פון די הענט;
וואָס וועט דער קאָמאַנדאָר אונדז זאָגן?

אַרטוניאָ

זאָל ער דאָרט זאָגן וואָס ער וויל,
אַבי ער זאָל אונדז נאָר ניט שלאָגן.
ווײַל אויב ער לאָזט אין גאַנג די הענט,
בין איכ אונדז ביידן ניט מעקאַנע.
די פעל אַפ מיר באַצײַטנס ברענט,
כאָטש נעם אַליין אַנטלויף פון דאַנען.

פלאָרעס

ניט גרינג איז א סאָלדאַט צו זײַן.
צומבײַשפּיל... פלאָרעס, נעם אונדז ביידע.
דאָרט שלאָגן אונדז די פײַנט,
דאָ שלאָגן אונדז די מיידלעכ.

צווייטע סצענע

א גאס אין שעפּסנקוואל פּרימאָרגן. פון איין שטוב גייט ארויס כאסינטע. לויפט אריבער די גאס צו דער אנטקעגנדיקער שטוב.

כאסינטע

עי, לאורענסיע!..

לאורענסיע (פון שטוב)

איך גיי.

אָט וועל איך נאָר די בעט פאַרדעקן...

(פּאוזע. עס גייט ארויס לאורענסיע)

כאסינטע

דו שלעפּערקע, מע דארף דיך וועקן,
פאַר דיר איז קארג דער האָנען-קריי...
מיסטאמע שפּעט געלייגט זיך שלאָפן,
און ניט אין כאָלעם, נאָר אַפּ וואָר
באגעגנט מענגאָן, צי פראָנדאָסען,
צי עפּשער גאָר דעם קאָמאנדאָר.

ל א ו ר ע נ ס י ע

דעם קאָמאַנדאָר! אַ, זאָל ער קרענקען,
אַז ער זאָל מער אַהער ניט גיין.

כ א ס י נ ט ע

וואָס רעדסטו, איך האָב דאָך געמיינט,
אַז דו וועסט דאַפקע נאָך אים בענקען.

ל א ו ר ע נ ס י ע

ווי דען, איך גיי דאָך אויס נאָך אים.
איך דאַרף אים נייטיק ווי אַ ווייטעק.

כ א ס י נ ט ע

גו, דו פֿאַר מיר זיך ניט באַרים,
וועסט זיך באַרימען פֿאַר אַ צווייטער.
געזען נאָך דרייסטערע פֿון דיר,
וואָס האָבן פּונקט אַזוי ווי דו געזונגען.
זיי האָבן אויך זיך פֿריִער געדונגען,
דערנאָך געעפֿנט אים די טיר.
פֿאַר מיר וועט זײַן אַ גרויסער וווּנדער,
אויב כ'וועל מיט מײַנע אויגן זען,
אַז דו האָסט זיך מיט אים צעבונדן
און גאַנץ אַרויס פֿון זײַנע הענט.

ל א ו ר ע נ ס י ע

זײַ זיכער, איך בין שטאָל און אײַזן.
כ'וועל אים ניט געבן אַזאַ פֿרייד,
כ'וועל אָן אַ וווּנדער דיר באַווײַזן,
ער וועט אַוועק פֿאַרשעמטערהייט.
שוין וויפֿל טעג און וויפֿל וואָכן
ער גייט מיר נאָך אַף שריט און טריט.

געשיקט ארטוניאָ פאר א שאָכג,
און פלאָרעסג צו מיר געשיקט.
געוואָלט מיך נעמען מיט מאטאָנעס, —
נאָר מיך זאָל עפּעס טאָן א ריר,
כ'האָב אָנגעשפּיגן זיי אין פּאָנעם...

כאסינטע

ווּ האָבן זיי גערעדט מיט דיר?

לאורענסיע

באַם טײַך.

כאסינטע

נו זײַ אצינד געהיט.
זיי זאָלן דאָך דיך ניט פארנארן.

לאורענסיע

וואָס, מיך?

כאסינטע

יאָ, דיך, ניט אונדזער ציג...

לאורענסיע

כאסינטע, הער שוין אוף זיך שפּארן.
ער וועט צעברעכן זיך די ציין,
ווען ער וועט איינבײַסן מיך וועלן.
וואָס שטארקער איך וועל אים געפעלן,
אלץ אָפטער וועט ער הערן „ניין".
מיך נעמט מען ניט מיט קיינע ליגנס,
און צוזאָגן מיך לאָזן קאלט;
איך האָב מיר אנדערע פארגעניגנס,
איך קאָן זיי אויסרעכענען באלד:
פארטאָג איך שטיי מיר אוף זיך שטיל,

געזונט און פריש און שטענדיק מונטער,
איך נעם א גרויסע שיסל מילך
און ברויט א שטיק אזא געזונטן,
איך עס מיר אָפּ, ווי מיר געפעלט,
קעדיי דאָס הארץ זאָל מיר ניט קלעמען,
דערנאָכדעם בין איך גרייט זיך נעמען
פאר יעדער ארבעט דאָרט אין פעלד.
זיך אָנגעארבעט. און א מידע
איך קום צו גיין אהיים צוריק.
דאָ קומט דאָך אָפּעסן מיר ווידער —
א טעלער סופּ און פלייש א שטיק,
און יאגעדעס אפּ צו פארבייַסן
איז אומעטום פאראן גענוג,
מע דארף נאָר וויסן ווו צו רייַסן.
און נאָך דער וועטשערע אינאָוונט
פאראן א ווייַנגאָרטן דאָ נאָענט...
און נאָכדעם מיט א רויִק הארץ
איך לייג זיך שלאָפן, גאָט צו דאנקען,
און קיינע זינדיקע געדאנקען
מאכן מיר מייַן שלאָף ניט שווארץ.
ניין, מיך וועט קיינער ניט פארבלענדן
מיט פאלשע, כניפעדיקע רייד.
אָט די סעניאָרן קען איך גוט.
דער וועג איז איינער בא זיי שטענדיק,
פאר אונדז ניטאָ בא זיי קיין זאָרגן,
זיי דארפן האָבן נאָר איין נאכט,
דערנאָכדעם, ווי עס קומט אפּ מאָרגן,
פארלאָזן זיי אונדז מיט פאראכט.

כ א ס י נ ט ע

ביזוואנען זיי באדארפן דיך,

ביסטו פאר זיי דאָס הארצ, די ליבע,
ביסט זייער זונ אונ זייער שײַנ,
נאָר ווי די היצ איז נאָר אריבער,
ביסטו זיי מער שוינ ניט קיינ מומע,
אונ מעגסטו זײַנ ווי שיינ אונ פײַנ,
ווערסטו א קרומע אונ א שטומע.

(פונדערוויַיטנ קומענ אָנ, זינגענדיק א ליד, פראָנדאָסאָ, מענגאָ אונ באַ־
רילדאָ. די מיידלעכ מאכנ אנ אָנשטעל ווי זיי באמערקנ זיי ניט)

פראָנדאָסאָ

גענוג, גענוג, גענוג דיר, מענגאָ,
מיט דיר זיכ שפּארנ איז ניט גרינג.

מענגאָ

דו מיינסט, אז דו וועסט רײדנ לענגער,
וועל איכ דיר נאָכגעבנ אלצדינג.

פראָנדאָסאָ

ווער האָט געדולד מיט דיר צו רייִדנ.

מענגאָ

רייד יאָ, רייד ניט: בינ איכ גערעכט.

באַרילדאָ

אָט לאָמיר פרעגנ בא די מיידלעכ,
ווער איז גערעכט, צי ניט גערעכט.

מענגאָ

נאָר פריִער לאָמיר זיכ פארוועטנ.
איר וועט מיר שענקענ, וואָס איכ וויל,
אויב איכ וועל בלײַבנ דער גערעכטער?

פראַנדאַסאַ

און וואָס וועט זײַן, אויב דו פארשפילסט?

מענגאַ

אויב איך פארשפיל, האָט איר געוווּנען,
איר קענט מיך לייגן אין דער ערד —
איך גיב אײַך דעמלט אָפּ מײַן פידל,
א הונדערט סקאָפּעס איז זי ווערט.
(גייען צו צו די מיידלעך)

פראַנדאַסאַ

א גוטער מאָרגן אײַך. וואָס מאכט איר?
מיר דארפן נייטיק טאקע אײַך.

לאורענסיע

א גוטער מאָרגן, אויב איר לאכט ניט,
אניט פארנעמט זיך בעסער גלײַך.

פראַנדאַסאַ

ווהין פארנעמען זיך פונדאנען,
אז דו ביסט דאָ און זי איז דאָ.

לאורענסיע

דו לײַגסט, וואָס גייען מיר אײַך אָן.

פראַנדאַסאַ

האָט איר ניט ריכטיק אונדז פארשטאנען.

באַרילדאַ

מיר האָבן זיך מיט אים פארוועט.

מענגאַ

מיר דארפן, זאָלסט אונדז זאָגן ערנסט.

פ ר אָ נ ד אָ ס אָ

מיר ווילן פרעגן אײַך...

ל א ו ר ע נ ס י ע

רעדט, רעדט,

און זאָל שוין זײַן כאָטש וואָס צו הערן.

ב א ר י ל ד אָ

ער זאָגט: ניטאָ, ניטאָ קיין ליבע.

ל א ו ר ע נ ס י ע

נו, זאָל ער זאָגן, — אים געפעלט.

ב א ר י ל ד אָ (לייענט פון בוך)

אָט שטייט דאָך אָבער דאָ געשריבן:
„אַף ליבע שטייט די גאַנצע וועלט,
„אָן ליבע קאָן ניט לעבן קיינער,
„די ליבע איז אַף שריט און טריט".

מ ע נ ג אָ

מע האָט מיך ניט געלערנט לייענען,
אין קלוגשאַפט גריבל איך זיך ניט...
איך זאָג נאָר אײַך, אַז יעדער איינער
האָט ליב נאָר זיך, נאָר זיך אַליין.

כ א ס י נ ט ע

נו, מענגאָ, ביסט שוין ווײַט פאַרפאָרן,
אָט טו א קוק אַהין, אַהער
(ווײַזט אָן אַף פּראַנדאָסאַ און לאַורענסיע, וועלכע זײַנען אַוועק אין א זײַט און דאָרט צוגעטוליעט זיך איינס צום צווייטן)
און וואַרף אַן אויג אַף יענעם פּאָרל,
וואָס טוט דאָרט זי, וואָס טוט דאָרט ער,

און זאָג אצינדערט דו אַליין,
וואָס איז דאָס — ליבע אָדער נײן...

מענגאָ

אזא מין ליבע פירן אַלע,
דערבײַ מיינט יעדערער נאָר זיך,
אָט דו געפעלסט מיר פאַר א קאַלע...

כאסינטע

אוועק, אוועק, דו מיינסט ניט מיך.

מענגאָ

געוויס ניט דיך — מײַנ פארגעניגן,
מײַנ אייגנ גליק פונ דיר איך וויל.
(וויל זי ארומנעמען)

כאסינטע

אוועק, אוועק, דו זאָגסט א ליגן.

באַרילדאָ (לויפט זיי נאָך)

איז ווער זשע, הייסט עס, האָט פארשפּילט?

כאסינטע

וואָס פרעגסטו אונדז, גיי פרעג דעם גאַלעך,
זאָל ער פאנאנדערקלײַבן זיך...
סײַ לאורענסיע סײַ איך,
מיר האָבן פײַנט אײַך, פײַנט, אײַך אַלע.

פראָנדאָסאָ

פאר איר ניט רייד, דו רייד פאר זיך.

לאורענסיע

מיר זײַנען מיידלעך ניט געניטע,
גיי פרעג נאָך עמעצן א דריטן.

מענגאָ

א צונג, וואָס קען מיט פעך באַשיטן.

(אַלע אָפּ, ס'בלײַבן פראַנדאָסאָ און לאָורענציע)

לאָורענציע

פראַנדאָסאָ, הער, דו ביסט פון זינען?
וואָס גייסט מיר נאָך אַפּ שריט און טריט?
אַפּ גאַס זיך ווײַזן קאָן איך ניט,
אַז דו זאָלסט גלײַך מיך ניט געפינען.
עס קוקט אונדז נאָך די גאַנצע גאַס,
און נײַגעריק שוין וואַרטן אַלע,
אַז אונדזער פליכעוואַטער גאַלעך
זאָל מעלדן מיט זײַן גראָבן באַס,
אַז איך מיט דיר זײַנען פאַרקנאַסט.

פראַנדאָסאָ

איך וואָלט שוין אויך געוואָלט דאָס הערן...

לאָורענציע

אַזאַ געדאַנק פון זיך פאַרטרײַבן...
דו זאָלסט ניט וואַגן גאָר צו קלערן,
אַז איך וועל זײַן אַמאָל דײַן ווײַב.
דו מעגסט נאָך שענער זיך פאַרפּוצן,
און גיי מיר נאָך כאָטש נאָך דרײַ יאָר,
דאָס וועט ניט ברענגען דיר קיין נוצן,
וועסט מיך ניט רירן אַפּ אַ האָר.
איך מיין, אַז דיר איז איצט געבליבן
וואָס גיכער לאָזן מיך צורו.

פראַנדאָסאָ

אַפּ מײַנ געטרײַער הייסער ליבע —
דאָס ענטפּערסטו מיר אזוי גוט.

לאורענסיע

אַפּ בעסערס ווארט ניט.

פראַנדאָסאָ

זאָג מיר נאָר,
אָט ווען דאַרף איך בעסער גלייבנ,
צי דײַנע אויגנ,
צי דײַנ וואָרט.
די אויגנ זאָגנ צו די וועלט מיר,
די ווערטער — לייגנ מיך אינ גרוב.

לאורענסיע

אויב מײַנע ווערטער דיר געפעלט ניט,
פּרווו גיי זיך דורכ צו אונדז אינ שטוב
אונ רייד זיך דורכ דאָרט מיט מײַנ פאָטער,
פאַרוואָס זאָלסטו צו אים ניט גײנ,
ער איז בא מיר אזא מינ גוטער,
ער וועט ניט אָפּזאָגנ דיר... ניינ...

פראַנדאָסאָ

(פרייליכ)

אהא! לאורענסיע!

(לויפט נאָכ איר)

לאורענסיע (באַהאלט זיכ, קוקט ארויס אונ זינגט)

ליבע איז פארלאנג
אונ פארלאנג איז ליבע,
אונדז איז גוט, ווי לאנג
דאָס הארצ מיט ליבע פיבערט.

זאָלן קלינגען דרייסט
אונדזערע געזאַנגען;
ביז דאָס בלוט איז הייס,
זייַנען הייס פאַרלאַנגען.

דאָרשטיק זייַ, מייַן בליק,
האַרץ, מיט ליבע פיבער,
ס'ווייס ניט פון קיין גליק
דער, וואָס לעבט אָן ליבע...

(עס באַווייַזט זיך דער קאָמאַנדאָר. לייגט אַוועק זייַן אַרבאָלעט, כאַנוועט זיך שטיל צו לאָורענסיע)

פ ר אָ נ ד אָ ס אָ (דערזעען דעם קאָמאַנדאָר)

ע', לאָורענסיע! אַנטלויף!
אַהער! אַהער! באַהאַלט זיך פלינקער!

ל אָ ו ר ע נ ס י ע (זעט ניט דעם קאָמאַנדאָר)

שוין, אַזוי גיך און מיטאַמאָל
דיר ווילט זיך אין אַ פינצטער ווינקל,
און דאָ איז פאַר דיר ניט קיין אָרט?

פ ר אָ נ ד אָ ס אָ

אַנטלויף! אַנטלויף! אַנטלויף געשווינדער.
דער קאָמאַנדאָר!..

ל אָ ו ר ע נ ס י ע

אָ, ווו באַהאַלט מען זיך אַצינדערט?

ק אָ מ אַ נ ד אָ ר

ניט שלעכט. געיאָגט זיך נאָך אַ האָז,
און אָנגעיאָגט אַזאַ מין ציגל.

ל אָ ו ר ע נ ס י ע

סעניאָר, סעניאָר... וואָס ווילט איר... וואָס?

ק אָ מ א נ ד אָ ר

איך וויל, מיר זאָלן זיך ניט קריגן.

לאָ ו ר ע נ ס י ע

די ארבעט ווארט אף מיר, סעניאָר,
דערלויבט מיר זיך מיט אײַך צעשיידן...

ק אָ מ א נ ד אָ ר

מיט מיר... מיט מיר, דײַן קאָמאנדאָר,
באגייסטו זיך אזוי ניט איידל.
דו ביסט דאָך, לאָורענסיע, שיין,
פארוואָס ביסטו אזא מין שטרענגע?

לאָ ו ר ע נ ס י ע

סעניאָר, איך בעט אײַך, לאָזט מיך גיין,
איך קאָן דאָ ניט מיט אײַך פארברענגען.

ק אָ מ א נ ד אָ ר

גענוג. ניט דול מיר מער קיין קאָפּ,
דו ווייסט שוין ניט אוועק פונדאנען...
פארוואָס אינעסע... סעבאסטיאנע,
זיי זאָגן קיינמאָל מיר ניט אָפּ,
איך דארף אפילע זיי ניט בעטן.

לאָ ו ר ע נ ס י ע

סעניאָר, בא זיי וואָס האָט א ווערט,
זיי האָבן ביז אײַך אויך געהערט
צו אלע יונגע פונעם שטעטל.
ניין, בעסער גייט, וווהין איר שפאנט,
און לאָזט צורו אן ערלעך מיידל.

קאָמאנדאָר

נו, וואָס איז דאָ מיט דיר צו ריידן,
דו ביסט אצינד בא מיר אין האנט.

(כאפט זי און נעמט זי ארום)

לאורענסיע (ראנגלט זיך)

וואָס טוט איר... לאָזט מיך אָפּ... לאָזט אָפּ...

קאָמאנדאָר

ניט בייס זיך, שלאנג...

לאורענסיע

דו הונט געמיינער...

קאָמאנדאָר (נעמט זי אפּ די הענט)

נו, דו, דיין מייַלכעלע פארשטאָפּ,
צוהילפּ וועט דיר ניט קומען קיינער.

פראָנדאָסאָ (דערשיינט אומדערוואַרט. נעמט דעם קאָמאנדאָר׳ס ארבאָלעט. צילט)

לאָזט אָפּ דאָס מיידל... טאָמער ניט,
באקומט איר גלייך א פייל אין קאָפּ.

קאָמאנדאָר (לאָזט אָפּ לאורענסיע)

דו הונט! דו פּויער! היט זיך! היט!

פראָנדאָסאָ

ניין, היט זיך איר... און דו אנטלויף,
אנטלויף וואָס גיכער, לאורענסיע.

לאורענסיע

פראָנדאָסאָ, שטיי! וואָס ווילסטו טאָן.
דיין קאָפּ אזוי פארלירן קענסטו.

פ ר אָ נ ד אָ ס אָ

אנטלויפ! אנטלויפ... אנטלויפ...

(לאורענסיע אנטלויפט. דער קאָמאנדאָר וויל זיכ א לאָז טאָנ נאָכ איר)

סעניאָר!

געדענקט, איכ האָב אײַכ שוינ געוואָרנט,

איר זאָלט ניט רירנ זיכ פונ אָרט,

אויב ניט... א סאָפ צו אײַערע יאָרנ...

ק אָ מ א נ ד אָ ר

דו הונט, כ'וועל הענגענ דיכ דערפאר,

מײַנ ארבאָלעט גיב אָפ, דו פויער...

פ ר אָ נ ד אָ ס אָ

ניינ, איכ בינ ניט אזא מינ נאר —

דעמ ארבאָלעט אײַכ איצט פארטרויענ...

ק אָ מ א נ ד אָ ר

זאָל איכ, דײַנ קאָמאנדאָר, דײַנ האר,

פאר דיר, דעמ פויער, ווײַזנ פלייצע?

(שטעלט ארויס די ברוסט)

נא, פויער, בעסער שיס...

נאָר צו דער טליִע גרייט זיכ... גרייט זיכ...

פ ר אָ נ ד אָ ס אָ

דערווײַל בינ איכ דאָכ אָבער פרײַ,

באדארפ איכ זיכ מיט דיר ניט קריגנ.

ביז איכ וועל הענגענ, וועסטו ליגנ,

איכ וועל נאָר אָפציילנ

(ציילט)

איינס... צוויי... דרײַ...

(נאָכ איידער פראָנדאָס רעדט ארויס „דרײַ", קעװעט זיכ דער קאָמאנ-
דאָר פליִעק אויס אונ אנטלויפט)

פ אָ ר ה א נ ג

צווייטער אקט

ערשטע סצענע

א זאל אין קאָמאנדאָרס הויז. קאָמאנדאָר, פלאָרעס, ארטוניאָ.

קאָמאנדאָר

אזא מין אומגעריכט געפאר,
מיט מיין א פייל געוואָלט מיך שיסן,
די מויד פון מיינע הענט ארויסגעריסן —
ווי רעכנט מען זיך אָפּ מיט אים דערפאר!?
ארטוניאָ! פלאָרעס!
(פלאָרעס און ארטוניאָ לויפן ארייַן)
ווו האָט איר אזוי לאנג פארבראכט?

פלאָרעס

סעניאָר, פון דאָרף מיר קומען נאָרוואָס,
גענישטערט דאָרט א גאנצע נאכט...

קאָמאנדאָר

דערציילט, מיט וואָס זייַט איר געקומען?
געכאפט אים, יענעם יונג, וואָס האָט
מייַן ארבאָלעט דאָרט צוגענומען,
און האָט דערשיסן מיך געדראָ'ט?

א ר ט ו נ י אָ

פּראָנדאָסאָ?

ק אָ מ א נ ד אָ ר

יאָ, פּראָנדאָסאָ מיין איך.

פּ לֿ אָ ר ע ס

עס האָט זיך איינגעגעבן מיר...
איך האָב באַנאַכט געכאַפּט דאָ איינעם...
און ווייסטו ווו? בײַ לאורענסיוס טיר.

ק אָ מ א נ ד אָ ר

געפּאַקט?..

פּ לֿ אָ ר ע ס

געפּאַקט...

ק אָ מ א נ ד אָ ר

אהא! ווו איז ער?
גיט אים אהער, איך וויל אים זען.

א ר ט ו נ י אָ

סעניאָר, אים האָט זיך אויסגעוויזן,
דאָס איז אַן אנדערער געווען.

פּ לֿ אָ ר ע ס (ווינקט צו ארטוניאָ, שטויסט אים אָפּ)

אינגאַנצן ענלעך אַף פּראָנדאָסאָן,
און אָנגעטאָן אזוי ווי ער.

ק אָ מ א נ ד אָ ר

אַלציינס — פּראָנדאָסאָ, ניט פּראָנדאָסאָ,
איך וויל אים זען. גיב אים אהער.

פלאָרעס

איך האָב אים פּעטש געגעבן גוטע...

ארטוניאָ

יאָ, עמעס, ווי די גאָרע וועלט...
(ווײַזט אפּ פלאָרעסן)

זע, ווי זײַן פּאָנעם איז צעבלוטיקט,
כ'האָב קוים דאָס בלוט אים אָפּגעשטעלט...

קאָמאנדאָר

און ער, פראָנדאָסאָ... ווו איז ער?

פלאָרעס

דרייט זיך דאָ אום די גאנצע צײַט.

קאָמאנדאָר

ווי וואגט ער טרעטן אפּ מײַן ערד?

ארטוניאָ

געוויס איז נאריש פון זײַן זײַט,
ער וועט דאָך ווי א פרײַער פויגל
ניט לאנג ארומפליען... צולעצט
וועט ער זיך פאקן אונדז איג נעצ
און וועט דאָס קעפּעלע פארנייגן...

קאָמאנדאָר

ניין, ווו איז דאָס אזעלכס געהערט
אפּ מיר, אפּ מיר, דעם קאָמאנדאָר,
פאר וועלכן ס'ציטערט גאנצ גרענאדע,
האָט ער געוואגט א האנט צו הייבן
און אָנגעצילט אפּ מיר א פײַל.
א פויער זאָל זיך דאָס דערלויבן?..

און גייט ארום דאָ נאָך דערוויַיל
געזונט און פריַי און מונטער, —
ניט אנדערש, אז די וועלט גייט אונטער.

ארטוניאָ

סעניאָר, מיט ליבע שפאסט מען ניט.
א דאנק וואָלט איר באדארפט אים געבן,
וואָס ער האָט איַיך פון טויט פארהיט
און אָפּגעלאָזט איַיך מיטן לעבן.

קאָמאנדאָר

ניט רעדט אזוי... מיר פלאצט די גאל...
ווען כ'האלט ניט איַין אין זיך מיַין צאָרן,
וואָלט אש און שטויב בא מיר געוואָרן
פון אָט דעם גאנצן שעפּסנקוואל,
איך וואָלט זיי אלע אויסגעוואָרגן...

פלאָרעס

נאָר זייער ברויט איז נאָך אין פעלד,
און איַיך פעלט ברויט, און איַיך פעלט געלט.

קאָמאנדאָר

גענוג... וועסט דאָס דערציילן מאָרגן.
רייד וועגן פריילעבערס... איך פרעג,
וואָס מאכט אינעסע...

פלאָרעס

א, אינעסע...
זי זאָגט, זי האָט איַיך ניט פארגעסן,
נאָר זי האָט כאסענע די' טעג...

קאָמאַנדאָר

באַדאַרף מען צוּוואַרטן?..

פלאָרעס

דאָס בעט זי,
איר זאָלט זיך איַינהאַלטן ניט לאַנג,
דערפאַר דערנאָך... דערנאָכדעם וועט זי
איַיך געבן אַלץ, וואָס איר פאַרלאַנגט.

קאָמאַנדאָר

דערציייל זשע מיר, וואָס מאַכט מאַרטינע?

פלאָרעס

מאַרטינע?.. וועלכע?..

קאָמאַנדאָר

פעדראָס וויַיב.

פלאָרעס

אָ, די איז שטענדיק גרייט איַיך דינען
מיט גאַנצן האַרץ, מיט גאַנצן לייַב.
איך האָב ערשט נעכטן דאָרט אין דאָרף
מיט איר געהאַט אַ שמועס אַ ברייטן;
זי זאָגט, אַז פאַרן קאָמאַנדאָר
איז זי צו יעדער צייַט אַ גרייטע.
פאַר איַיך קיין אָפּזאָג וועט ניט זייַן,
זי מעג זייַן מילכיק, מעג זייַן פליישיק,
קאָנסט צו איר גיין, אויב דו האָסט כיישעק.

קאָמאַנדאָר

אַזאַ מין פרוי האָב איך ניט פייַנט,

נאָר שעצנ שעצ איכ זי ניט טײַער.
זי האָט דיכ אָנגעצונדנ גרינג,
נאָר גיכ ווערט אָפּגעקילט דײַנ פײַער...

(א זשעסט אפ די גיטארעס, וואָס הענגענ אפ דער וואנט)

עי, פלאָרעס, שפּיל!..

פלאָרעס (נעמט פלינק א גיטארע, גיט זי איבער ארטוגיאָ — זיכ די צווייטע)

ארטוגיאָ, זינג!

ארטוגיאָ (זינגט)

ווער עס וויל א פרוי געפעלנ,
איז קיינ זאכ פאר אימ ניט שווער.
ער איז גרייט אפ קאָפ זיכ שטעלנ,
גרייט צו קריכנ אפ דער ערד.
אונ איז אויסצוציענ זיכ גרייט
אינ דער לענג אונ אינ דער ברייט.

פלאָרעס (כאפט אונטער)

צו געפעלנ ווערנ מענער
טומ דאָס זעלבע יעדע פרוי,
אויכ די פרויענ ווייסנ, קענענ
וויאָרומ אונ וויאזוי.

קאָמאנדאָר (ברומט אונטער)

קיינ טרונק וואסער איז ניט ווערט
די, וואָס קומט מיר אָנ ניט שווער...
צי האָסטו ניט געזענ אלאלענ?

פלאָרעס (א פילדרײַטיקנ זשעסט)

געזענ...

קאָמאַנדאָר

דאָס איז אַ מויד אַ ברען!
בײַ איר וועט מײַנס ניט גײן פאַרפאַלן.
ווען דאַרף איך קומען צו איר, ווען?

פלאָרעס

ניין, קומען דאַרף מען ניט דערווײַלע,
דער כאָסן אירער היט זי שטאַרק,
ער האָט געכאַפּט מיך בײַ איר פענצטער
און שיִער צעבראָכן מיר דעם קאַרק.
באַזונדערס אויפגעבראַכט זײַן וועט ער,
אויב ער וועט פּאַקן דיך אַליין, —
האָט זי מיר אָנגעזאָגט דיך בעטן,
דו זאָלסט אַצינד צו איר ניט גיין.
זי מוז באַרויִקן דעם כאָסן,
זי דאַרף דערויף אַ קורצע צײַט,
און נאָכדעם, זאָגט זי, קאָנסטו האָפן,
איר טיר איז שטענדיק פאַר דיר אָפן.

קאָמאַנדאָר

אַ פײַנער ענטפער פון איר זײַט.
דאָס איז אַ מויד... מע קאָן איר גלייבן,
איך שווער בײַ אָט דעם ערן־קרייץ...
און ער, דער כאָסן? שטאַרק צערייצט?..

אָרטוניאָ

אַ שרעק מיט אים זיך אָנצוהייבן.

קאָמאַנדאָר

יאָ, יאָ, עס ווערט שוין אַ געפאַר

אינ דאָרפ ארויסגיינ ניט באוואָפּנט, —
ווי איכ וואָלט ניט געווענ גאָר זייער האר...

פלאָרעס

וואָס וועט זיי מויכל זײַנ.

קאָמאנדאָר

ניינ, שטראָפּנ.
נאָכ הײַנט באפויל איכ שטײַער קלײַבנ
פונ יעדנ קאָפּ, פונ קליינ אונ גרייס,
מיט ברויט, מיט געלט...

פלאָרעס

אונ אויכ מיט ווײַבער.

קאָמאנדאָר

אונ פאר א גאנצנ יאָר פּאָרויס!..
באוואָפנט זיכ אונ קומט אינ דאָרפ.
ניט דורכלאָזנ קיינ הויז, קיינ שײַער.

(טוענ אָנ אפּ[illegible]זיכ דאָס געווער אונ שטעלנ זיכ אויס אינ א שערענגע)

ארטוניאָ

ברויט אונ געלט דעמ קאָמאנדאָר!!!

קאָמאנדאָר

אונ פונ די פרויענ אויכ עפּעס צושטײַער!

צווייטע סצענע

פלאַץ אינ שעפּסנקוואַל. פונ די שטיבער אונ פונ די ארומיקע גאסנ קומענ זיכ צונויפ פויערימ.

באַרילדאָ

וואָס האָט מענ אונדז אַהער פאַרזאַמלט
אינמיטנ טאָג דאָס גאַנצנ דאָרפ.

מענגאָ

א בייזער כאָלעמ האָט מיסטאָמע
געכאָלעמט זיכ דעמ קאָמאַנדאָר.

באַרילדאָ

צי וויל ער ווידער אונדז ניט נעמענ —
כ'מיינ אַפ דער מילכאָמע...

מענגאָ

דולער יונג,
פאַרוואָס מילכאָמע אונ מיט וועמענ?
דו בייס זיכ בעסער אָפ די צונג.

מיר זײַנען מענטשן ווילדע, שטילע,
מיר ארבעטן אפ אונדזער ערד,
מיר האָבן ניט דעם קלענסטן ווילן
צו נעמען אין דער האנט א שווערד.

באַרילדאָ

דאָס איז דאָך עס, אין דעם דאָך גייט עס.
מע פרעגט אונדז ניט פאר ווען, פאר וואָס,
איינ קיניג שלאָגט זיך מיט א צווייטן,
און אונדז רינט שטענדיק בלוט פון נאָז.
אפ גוטס באדארף מען זיך ניט ריכטן.

מענגאָ

נאָר שלעכטס קריכט איך שוין פונעם האלדז.

באַרילדאָ

אָט גייט עסטעבאן, אונדזער ריכטער,
ער וועט שוין אונדז דערציילן אלץ.

(עס קומען עסטעבאן, כואן דער רויטער, אלאָנזאָ. די פארזאמלטע רינ־
גלען זיי ארום)

עסטעבאן

אזא באפעל... אן אומדערהערטער...
און איך, צום אומגליק, בין געגייט
אײַך איבערגעבן זײַנע ווערטער,
ער פאָדערט געלט, ער פאָדערט ברויט.

כואן

מיר האָבן אָפגעצאָלט דאָך שטײַער,
צערעכנט זיך מיט אים און אויס.

עסטעבאן

ער פאָדערט פאר א יאָר פאָרויס.

כ ו א נ

ווענ וועט שוינ נעמענ אימ א פײַער...

א ל אָ נ ז

ער זאָגט, מילכאָמע שטייט אימ פאָר,
באדארפ ער געלט אונ ברויט באצײַטנס.

כ ו א נ

אונ איכ זאָג אויכ: פונ קאָמאנדאָר
ניט מעגלעכ שוינ צו לײַדנ ווײַטער.
ער ראבעוועט אונדזער פארמעג,
די לעבנס אונדזערע צעברעכט ער,
נאָכ אונדזערע ווײַבער, אונדזערע טעכטער
ער האָט פארפירט דאָ א געיעג.

ע ס ט ע ב א נ

געהערט ווי ער איז זיכ באגאנגענ
מיט לאורענסיענ?

כ ו א נ

געהערט ...
אזא מינ אויסוווּרפ וואָלט איכ אופגעהאנגענ,
ווי טראָגט אפ זיכ אזעלכס די ערד.

(עס קומענ דער קאָמאנדאָר, פלאָרעס, ארטוניאָ. די פריערים ווערנ מיטא־מאָל אנשוויגנ)

ק אָ מ א נ ד אָ ר

וואָס זײַט איר שטומ געוואָרנ פלוצלינג?

א ל אָ נ ז אָ

סעניאָר, מיר ריידנ דאָ...

ק אָ מ א נ ד אָ ר

נו, רעדט!

עסטעבאַן

רעדט בעסער איר, סעניאָר, דאָ
פאַר אונדז געוויס זײַנען מערער נוצלעך.

קאָמאַנדאָר

רעדט! וואַרט ניט מער אױף קײן באַפעל,
כ'וויל וויסן וואָס איר רעדט אָן מיר.

עסטעבאַן

סעניאָר, כ'האָב דאָ א שמועס פאַרפירט...
איך האָב א הונט, וואָס אײַך ווערט ער געפעלן.

קאָמאַנדאָר (פאַרדעכטיק)

דו האָסט א הונט?

עסטעבאַן (שפּיל)

א ווילדער הונט...
א גוטער הונט... א הונט, וואָס זעלטן...

קאָמאַנדאָר (די זעלבע שפּיל)

א... כ'האָב געהערט. א פלינקער הונט...
איז אָט וואָס, איך וואָלט דיך געבעטן,
דײַן הונט רײַץ אָן און גיב א לאָז,
ער זאָל פאַר מיר א האָז דעריאָגן.
איך יאָג זיך לאַנג שוין נאָך דעם האָז,
און קאָן ביז איצט אים ניט דעריאָגן.

עסטעבאַן

סעניאָר געערטער, זיכער זײַט,
איך הונט איך מײַנעם
וועט ניט זײַן געווענדט שוין.
ווו איז דער האָז...

קאָמאַנדאָר

אָט דאָ, ניט ווײַט,
איך מיין דײַן טאָכטער, לאָורענסיע.

עסטעבאַן

מײַן טאָכטער?

קאָמאַנדאָר

יאָ, ביסט ניט קיין נאַר...
דו רייד זיך דורך מיט איר וואָס שטרענגער.

עסטעבאַן

פאַרוואָס?

קאָמאַנדאָר

דערפאַר, וואָס זי איז אײַנגעשפּאַרט
און וויל ניט גיין מיט מיר פאַרברענגען.
אָט איז א ווײַבעלע פאַראַן,
איך זע זי איצטער דאָ אפילע,
זי רעכנט זיך ניט מיט איר מאַן
און גיט מיר שטענדיק נאָך מײַן ווילן,
זי לויפט צו מיר צו יעדער צײַט,
אבי איך זאָל זי וועלן נעמען.

עסטעבאַן

ניט לײַטיש זייער פון איר זײַט,
און איר וואָלט אויך געמעגט זיך שעמען
דערציילן אונדז אזא מין זאַך
אף עמעצנס א פרוי, א מוטער.

קאָמאַנדאָר

עי, דו, דאָס מויל, דו, דײַנס פאַרמאַך.

עסטעבאן

סעניאָר, באטראכט זיך גוט, וואָס טוט איר.
מיר זײַנען דאָך א רויִק פֿאָלק,
אַף אײַער ערד מיר לעבן פֿרידלעך,
מיר ארבעטן דאָ אומדערמידלעך —
פֿארוואָס זשע קומט אונדז זײַן פֿארפֿאָלגט?

כואן

ווי טראָגן מיר אזעלכס אריבער.

אלאָנזאָ

וואָס קאָנען מיר מיט אים דען טאָן?

קאָמאנדאָר

אהא! איך זע, אײַך שטייט ניט אָן,
איר זײַט באליידיקט, מײַנע ליבע.

כואן

ניט ריכטיק, קאָמאנדאָר, איר הערט,
וואָס איר דאָ רעדט אַז אונדזערע ווײַבער,
דאָס מאָל זאָל צווישן אונדז דאָס בלײַבן,
נאָר כאזוערט דאָס ניט איבער מער.
אַף ווײַטער וואָרן איך אײַך ערנסט,
פֿאר אונדזער ערע אָפּשײַ האָט.

קאָמאנדאָר

כא־כא! אָט דאָס געפֿעלט מיר גראָד
א פּויער האָט דען אויכעט ערע?
וואָס זאָגט איר? איך האָב ניט געוווּסט.

כ ו א נ

און מיר האָבן געזען אזעלכע,
וואָס כאָטש זיי טראָגן אפ דער ברוסט
אזא מין ציילעם, ווי בא אײַך,
נאָר זייער ייִכעס איז א קליינער,
זיך ביַיטן וואָלט ניט וועלן קיינער.

קאָמאנדאָר

שוויַגט, הינט! איר הינט! צעגייט זיך גלײַך!

עסטעבאנ

וואָס טרײַבט איר אונדז?

קאָמאנדאָר

ארמוניאָ! פלאָרעס!

פלאָרעס

סעניאָר, געדולד!

קאָמאנדאָר

געדולד מײַנס פלאצט.

פלאָרעס

סעניאָר — האלט בײַסער אײַן דעם צאָרן...

קאָמאנדאָר

גלײַך ריַיניקט אָפ פון זיי דעם פלאץ,
קיין איינער זאָל דאָ ניט פארבלײַבן.

פלאָרעס

איר דארפט דאָך ברויט, איר דארפט דאָך געלט.

ק אָ מ א נ ד אָ ר

גענוג! גענוג דיר! איך באפעל.
צעטרײַבן אַלעמען! צעטרײַבן!..
צו גוט עס לעבט זיך זיי אונטער מײַן שוץ,
מײַן ערד צו גוט זי שפּײַזט זיי.
נעמט אָפּ בא זיי א ביסל גוטס,
גייט ליידיקט אויס בא זיי די הײַזער.

(די פויערים לאָזן זיך לויפן אין אַלע זײַטן מיט א געוויין. דער קאָמאַנ-
דאָר, פלאָרעס און ארטוביאָ נאָך זיי. הינטער דער בינע א שטארקער
כומל. געשרייען. עס לויפט ארויס לאָורענסיע, באהאלט זיך. א צעשויבערטע
לויפט ארויס כאסינטע)

כ א ס י נ ט ע

צוהילף! צוהילף!

ל א ו ר ע נ ס י ע (באווײַזט זיך פּת: איר באהעלטעניש)

כאסינטע, שטילער.
וואָס איז מיט דיר?

כ א ס י נ ט ע

סאָלדאטן... דאָרט...
זיי יאָגן נאָך... מיך כאפּן ווילן...
און אָפּפירן צום קאָמאנדאָר.

ל א ו ר ע נ ס י ע

איך האָב אליין זיך דאָ פארטײַעט,
איך ראטעווע זיך דאָ אליין.

מענגאָ (לויפט אָן האסטיק)

אנטלויפט! אויב ס'לעבן איז אײַך טײַער,
וואָס ווײַט איר דאָ געבליבן שטיין.

כ א ס י נ ט ע (ווארפט זיך צו מענגאָן)

אָ, מענגאָ, העלף!

מ ע נ ג אָ (שטעלט זיך לאורענסיען)

טראָג אָפּ די ביינער!
אנטלויף כאָטש דו, איך הער שוין טריט.
איך וועל זיך איינשטעלן פאר איינער,
פאר צוויי מיטאמאָל קאָן איך ניט.

(עס לויפן אָן פלאָרעס, ארטוניאָ, סאָלדאטן)

פ ל אָ ר ע ס

אהא! ביסט דאָ?

כ א ס י נ ט ע

אָ, העלף מיר, מענגאָ!

פ ל אָ ר ע ס

ארטוניאָ, נעם!

מ ע נ ג אָ

סעניאָר, צוריק!
מיר ווילט זיך ניט מיט אייך קיין קריג,
און איר זאָלט מיך דערצו ניט ברענגען.

א ר ט ו נ י אָ

דו שטעלסט זיך איין פאר איר?

מ ע נ ג אָ

סעניאָר!
אוועק פון איר!.. איך בעט מיט גוטן.

פ ל אָ ר ע ס

אין נאָמען פונעם קאָמאנדאָר
נעמטביידע...

מענגאָ (וואַרפט זיכ אַפ ארטוניאָ)

אויסווורפנ, וואָס טוט איר!!
דאָס ווײַזט ער אונדז אזוי זײַנ מאכט,
דערופ מיר האלטנ אויס סאָלדאטנ,
אָט דאָ אינ דאָרפ פארפירט א שלאכט,
א טאָכטער נעמט ער אָפ באמ טאטנ.

פלאָרעס

נעמט! נעמט!

מענגאָ

ס'וועט אָנקומענ אײַכ שווער.
(ראנגלט זיכ)

פלאָרעס

די הענט דרייט אימ צונויפ אפ הינטנ.

מענגאָ

כאסינטע, רופ צוהילפ, כאסינטע!

כאסינטע

צוהילפ! צוהילפ! אהער! אהער!

(מענגאָ וואלגערט אומ ארטוניאָ. קלאמערט זיכ אײַנ מיט די פינגער אינ גאָרגל. כאסינטע שרײַט. פלאָרעס אנטלויפט. די סאָלדאטנ ווארפנ זיכ אפ מענגאָ. עס לויפנ זיכ צונויפ פויערימ. די סאָלדאטנ אנטלויפנ. מענגאָ הייבט זיכ אופ. ארטוניאָ איז געבליבנ ליגנ א טויטער. מענגאָ קוקט זיכ אינ אימ אײַנ מיט שרעק)

מענגאָ

ער אָטעמט ניט...

(אלע רינגלענ ארומ דעמ טויטנ קערפער)

כ ו א נ

האָסט אים דערוואָרגן?

כ א ס י נ ט ע

ער האָט פאַרטיידיקט מיך און זיך.

כ ו א נ

ווײַזט אויס, געוועז נאָך ווינציק זאָרגן,
אַנטלויפֿ פֿונדאַנען, מענגאָ, גיך.

מ ע נ ג אָ

וווהין אַנטלויפֿן.... כ'בין פֿאַרפֿאַלן...
צעגייט זיך איר פֿונדאַנען שנעל,
מײַן שולד זאָלט איר ניט לײַדן אַלע.

ע ס י ע ב א נ

ניין. האָט פֿאַר אונדז זיך אײַנגעשטעלט...
מיר אַלע ווייסן דאָך דעם עמעס.
דו ביסט ניט שולדיק... אונדזער פֿליכט,
אַז אַלע זאָלן איצטער נעמען
דײַן אומשולדיקע שולד אָפּ זיך...
יאָ, אַלע מוזן אָפּ זיך טראָגן
די שולד פֿאַר אָט דעם אומגליקלעכן פֿאַל.
זאָגער אויס, דו פֿאָלק פֿון שעפּסנקוואַל,
וואָס איך, אַן עלטערער, וועל זאָגן.
דער קאָמאַנדאָר שוין זיכער ווייסט,
וואָס דאָ בא אונדז האָט זיך געטראָפֿן, —
ער וועט באַלד קומען שטרענג און בייז
אָפּ אויסצופֿאָרשן און באַשטראָפֿן.
איז לאָמיר אָפּריידן אַפֿריער
וואָס ענטפֿערן...

כואַן

זאָג דו, עסטעבאַן.
וואָס דו וועסט זאָגן, פאָלגן מיר.
מעג גיין אַפּילע אונדז אין לעבן.

עסטעבאַן

איז הערט מיך אויס... דער קאָמאַנדאָר
וועט פרעגן אײַך: — ווער האָט דערהאַרגעט?
איר ענטפערט אים צוויי ווערטער נאָר,
צוויי ווערטער נאָר געציילטע, קאַרגע:
„שעפּסנקוואַל״ — און גאָר.
וואָס קאָן ער טאָן אַ גאַנצן פאָלק,
וואָס וועט זיך האַלטן פעסט און אייניק.
איז „שעפּסנקוואַל״ שרײַט אין איין קאָל,
ווי דאָס וואָלט אים געענטפערט איינער.

כואַן

גערעכט, מיר נעמען אָן דײַן וואָרט.

עסטעבאַן

אויב איר נעמט אָן, איז ענטפערט באַלד!
געדענקט, דאָס פרעגט דער קאָמאַנדאָר —
ווער האָט דערהאַרגעט?..

אַלע

שעפּסנקוואַל!

דריטע סצענע

קאָמאנדאָרס הויז. פלאָרעס נאָר וואָס אריינגעלאָפן קאָן ניט כאפן דעם אָטעם

קאָמאנדאָר

געטויט ארטוניאָן?

פלאָרעס

אָך!.. אוך!!.. אך!!..

קאָמאנדאָר

און דו?

פלאָרעס

קוים לעבעדיק אנטלאָפן.

קאָמאנדאָר

דערציי̆ל ווי דאָס האָט זיך געטראָפן?

פלאָרעס

א שרעק דערציילן קעגן נאכט...
דאָס גאנצע פאָלק האָט זיך באוואָפנט
און האָט פארפירט מיט אונדז א שלאכט.

איך האָב זיך לאַנג און דרייסט געהאַלטן,
געשלאָגן זיך אַף לינקס און רעכטס,—
געוויס אַ צענדליק יונגע, אַלטע
האָב איך דערשטאָכן און געפּעכט.
וואָלט אויך אַרטוניאָ האָבן סייכל...
נאָר ער האָט... ווי דו ווייסט דאָך גוט...
מיט דרייסטקייט זיך ניט אויסגעצייכנט
און קיינמאָל ניט פאַרמאָגט קיין מוט.
זיי זײַנען אים באַפאַלן, נעבעך,
און שלאָגן אים געגומען ווילד,
כ'האָב אײַנגעשטעלט מײַן אייגן לעבן
און זיך געוואָרפן אים צוהילף,
אָט זע אַליין מיט דײַנע אויגן,
ווי ס'איז צעפּאַסעוועט מײַן הויט.
נאָר ער איז שוין געלעגן טויט,
די פיס אַף אייביק אויסגעצויגן.
כ'האָב ראַטעווען אים ניט געקענט—
וואָס פאַר אַ כידעש,
פאַר אַ וווּנדער,
אַז איינער שלאָגט זיך
קעגן הונדערט,
איך האָב אײַנגאַנצן דאָך צוויי הענט.

קאָמאַנדאָר

אזא מין שרעקלעכע יעדיִע,
באַהיט מיך, גאָט, פון אַזאַ סאָף.
פאַר דעם איז ווייניק זיי די טליִע.

פלאָרעס

טראַכט צו פאַר זיי אַ גוטע שטראָף.

קאָמאנדאָר

גענוג! דערלאנג אהער די שווערד מיר!
קומ גלײַכ אהינ... איכ וועל אלײנ
דאָרט פײַניקנ פונ גרויס ביז קלײנ,
אונ איכ וועל אָפזוכנ די מערדער.

פערטע סצענע

גאס אין שעפּסנקוואַל. פון שטוב גייט ארויס לאורענסיע. דערזעט פראָנדאָסאָ.

לאורענסיע

וי וואגסטו קומען איצט אהער?
אזא געפאר, אזא סאקאָנע!

פראָנדאָסאָ

איך בין געקומען דיר דערמאָנען,
אז כ׳קאָן אָן דיר ניט לעבן מער.
זאָג, לאורענסיע, ווען וועל איך
דערהערן שוין פון דיר א וואָרט א צארטס,
אז כאָטש א ביסל דיר געפעל איך,
אז איך האָב ניט אומזיסט געווארט,
אז דו ביסט גרייט מיך צו באגליקן,
אז דו... ביסט גרייט...

לאורענסיע

יאָ, יאָ, כ׳בין גרייט.

פראָנדאָסאָ (נעמט זי ארום. קושט זי לאנג)

איז נא, איז נא דיר פאר דער פרייד.

לאורענסיע (רייסט זיך פון אים)

ווארט אויס... ווארט אויס... וועסט מיך דערשטיקן,
לאָז אָפּ... מײַן פאָטער גייט אהער...
אָט קאָנסטו טאקע גלײַך אים פרעגן,
צי ער וועט גאָרניט האָבן קעגן...
און איך... איך לייקן שוין ניט מער,
איך האָב דיך ליב...

(אנטלויפט אין שטוב. פראָנדאָסאָ אין א זײַט. עס קומען עסטעבאן זון כואן דער רויטער)

עסטעבאן

בארויבט! באליידיקט...
האָט ער דאָס גאנצע דאָרף... און איצט
ווער ווייסט נאָך, וויפל פײַן און ליידן
שטייט פאָר... איין גאָט נאָר אונדז באשיצ...

כואן

אפּ גאָט א האָפענונג א קליינע.
מיר האָבן זיך אפּ אים פארלאָזט,
נאָר עפּעס העלפט ער זייער וויניק.

עסטעבאן

עס נעמט מיך אָן אזא פארדראָס.
וואָס טויג מיר, וואָס איך בין דאָ ריכטער,
אז העלפן קאָן איך קיינעם ניט.

כואן

שווײַג! דאכט זיך, אז איך הער דאָ טריט,
מיר זײַנען ניט אליין דאָ...

ע ס ט ע ב א נ

ריכטיק.

פ ר אָ נ ד אָ ט אָ (באווײַזט זיך)

אַנטשולדיקט מיר. איך גיי פאַרבײַ...
האָב איך געוואָלט צו אײַך זיך ווענדן.

ע ס ט ע ב א נ

קענסט שטענדיק ריידן מיט מיר פרײַ,
מײַן האַרץ איז אָפן פאַר דיר שטענדיק.
איך האָב געהערט, ווי דו האָסט דרייסט
זיך אײַנגעשטעלט פאַר אונדזער ערע,
באַדאַרף איך זאָגן דיר און ווייס—
דו ביסט מיר ליב אַצינד נאָך מערער.

פ ר אָ נ ד אָ ס אָ

דײַן ליבע איז פאַר מיר אַ פרייד,
פון איר הענגט אָפּ אַצינד מײַן לעבן.
איך וויל דיך בעטן, זאָלסט מיר געבן...
זאָלסט געבן מיר...

ע ס ט ע ב א נ

ניט שעם זיך, רייד.

פ ר אָ נ ד אָ ס אָ

נו, לאָורענסיע... דו קענסט זי?
דײַן טאָכטער פאַר אַ ווײַב כ'פאַרלאַנג.
איך האָב זי ליב שוין זייער לאַנג.
דײַן טאָכטער... טאַקע לאָורענסיע.
און זי אָפּ מיר ניט אופגערעגט,
פאַרוואָס איך אײַל זיך מיט מײַן ביטע,

ווײַל איך האָב מוירע,
אז א צווייטער צי א דריטער
זאָל ניט פארלויפן מיר דעם וועג...

עסטעבאן

ניין, ניין, פראַנדאָסאָ, כ׳זאָג דיר ווידער,
דו האָסט מיך שטענדיק אָפּ דײַן זײַט.
דו ביסט געקומען צו דער צײַט.
דערפאר בין איך נאָך מער צופרידן.
נעם לאורענסיע אצינד,
באהיט פון דער געפאר, וואָס דראָ׳ט איר.
פון איצט ביסטו מײַן זון, מײַן קינד,
נאָר כ׳וויל זאָלסט פרעגן אויך דײַן פאָטער.

כואן

מיך פרעגן שאט ניט. נאָר איך מיר,
איך זע, איז שוין געווענדט גאנץ ווייניק.
וואָלט איך געזאָגט, מע דארף אפריער
א פרעג טאָן לאורענסיעס מיינונג.

עסטעבאן

ע, מעגסט מיר גלייבן, ליבער פרײַנט,
בא זיי איז אָפּגערעדט, זײַ זיכער...
איז האָט אײַך כאסענע כאָטש הײַנט,
און טראָגט זיך אָפּ פונדאנענ גיכער,
קעדיי דער אויסוווּרף, דער טיראַנ,
דער קאָמאנדאָר זאָל גאָרניט וויסנ...
איצט וויפל ווילסטו, זאָג... נאדאנ?

פראַנדאָסאָ

איך טראכט ניט וועגן דעם קיין ביסל.

כואַנ

דו זעסט דאָך, אַז ער דאַרף נאָר אײנס,
וואָס גיכער צונעמענ דאָס מײדל,
מעג זײַנ אַפילע אָנ אַ קלײדל...

עסטעבאַנ (צו פראַנדאָסאָנ)

דאָך זאָג...

פראַנדאָסאָ

איך נײטיק זיך ניט, נײנ.

עסטעבאַנ

נו, אויב אַזוי, איז עפּשער דאָך
אַ פרעג טאָנ לאַורענסיע שאַט ניט.
עי, טאָכטער, טאָכטער!..

לאַורענסיע

איך בינ דאָ.
אָט בינ איך דאָ. וואָס ווילסטו, טאַטע?

עסטעבאַנ

נו, בינ איך ניט גערעכט? דו זעסט,
ווי גיך זי איז אַרויסגעפלויגנ.
דו, טאָכטער, קוק מיר אינ די אויגנ
אונ ענטפער גלײַך, אונ זאָג מיר פעסט,
ווי מײנסטו דו... אָט ער, פראַנדאָסאָ...
דו קענסט דאָך בעסער אים ווי איך.
ער וואָלט געווענ אַ גוטער כאָסנ
פאַר סטעלענ?

לאַורענסיע

וואָס? כ'פאַרשטײ ניט דיך.

עסטעבאַן

איך פרעג: ווי מיינסטו, ער און סטעלע —
צי זײַנען זיי אַ גלײַכע פּאָר?

לאָורענסיע

איז וועגן סטעלען רעדט זיך גאָר?

עסטעבאַן

נו, יאָ. דיר איז דאָס ניט געפעלן?

לאָורענסיע

ניין. מיר געפעלט... אַ גלײַכע פּאָר.

עסטעבאַן

און מיך וואָלט דאַפקע דאָס פאַרדראָסן.
איך שוין צוגעפּאָרן פראָנדאָסאָן,
איז נאָר מיט דיר, מיט דיר און — גאָר...
און זײַט אײַך גליקלעך איר אינצווייען.

לאָורענסיע

אוי, טאַטע, טאַטע, דײַנע שטיק...

עסטעבאַן

יאָ, איך פאַרגעס זיי ניט צום גליק,
דו האָסט אים ליב פראָנדאָסאָן?

לאָורענסיע

זייער.

עסטעבאַן

זאָל איך דאָס זאָגן אים, צי ניין?

לאורענסיע

דו קאָנסט אים זאָגנ, זאָל ער וויסנ.

עסטעבאנ

ע, וועסט זיכ .שוינ אָנ מיר באגיינ.
איצט, טאָכטער, איז בא דיר דער שליסל.

(באַרילדאָ קומט האסטיק צו לויפנ)

באַרילדאָ

וואָס שטייט איר דאָ?

אלע

וואָס איז, באַרילדאָ?

באַרילדאָ

א שרעק! א שרעק! דער קאָמאנדאָר...
אזא צערייצטער אונ א ווילדער,
איז אָנגעפלויגנ אפנ דאָרפ,
ער פּייניקט אלעמענ אונ מאטערט.
ער קלייַבט ניט איבער גרויס אונ קליינ.

(אנטלויפט)

עסטעבאנ

איצט דארפ מענ האלטנ זיכ פאריינס.
איכ גיי אהינ...

לאורענסיע

אָ, גיי ניט, טאטע!

(ער גייט אוועק, כואנ נאָכ אים. פראָנדאָסאָ וויל אויכ גיינ)

לאורענסיע

אנטלויפ כאָטש דו, פראָנדאָסאָ, גיכ.

אנטלויף, דײַן לעבן איז מיר טײַער.
ער וועט דעם ערשטן כאפן דיך,
דו ביסט דער ערשטער אפן פײַער.
אנטלויף פונדאנען און פארשווינד.

פראַנדאָסאָ

וואָס רעדסטו, לאורענסיע מײַנע,
כ'זאָל איבערלאָזן דיך אצינד,
ווען אלע ווערן דאָ געפײַניקט.
ווי לייגסטו פאָר מיר אזא זאך?
איך זאָל אנטלויפן זיך באהאלטן,
ווען ס'הענגט אזא געפאר אף אײַך...
שא... הערסט, מע שרײַט...

(הינטער דער בינע הערט מען ווײ־געשרייען פון געפײַניקטע און דעם קאָמאנדאָרס שטים)

קאָמאנדאָר

וועסט זאָגן, אלטער?

עסטעבאן (הינטער דער בינע)

לאָז אָפּ! לאָז אָפּ! לאָז אָפּ! אוי, אוי!
כאָטש אף א רעגע לאָז דעם אָטעם.

פראַנדאָסאָ

דו הערסט, מע פײַניקט שוין דײַן פאָטער!

קאָמאנדאָר (הינטער דער בינע)

גיט אונטער! שטארקער! אָט אזוי!
צעברעכט אים אײנציקווײַז די פינגער!
וועסט, אלטער, בא מיר ריידן באלד.
ווער האָט דערהארגעט?

עסטעבאַן (הינטער דער בינע)

שעפּסנקוואַל!

קאָמאַנדאָר

עי, כאַפּט אַהער יענץ יינגל,
דו שנעק, איך ווייס, האָסט אַלץ געזען...
דערציי׳ל... דו שווייַגסט... איך וועל דיך צווינגען.
עי, שטאַרקער דרייט אים אויס די הענט.

לאַורענסיע

אָ, גאָט! וואָס טוען זיי דעם יינגל.

קאָמאַנדאָר

מיט בייַטשן אים דאָס לייַב צעקנאַל.
וועסט ריידן... הא, וועסט בא מיר ריידן...
ווער האָט דערהארגעט?

יינגל

שעפּסנקוואַל!

פראָנדאָסאָ

אַ קינד שטייט אויס אַזעלכע ליידן!

לאַורענסיע

אָט דאָס הייסט פאָלק! אָט דאָס הייסט מוט!

קאָמאַנדאָר

פאַרשאָלטענע! איך וועל אייַך אַלע
דערטרינקען דאָ אין אייגן בלוט.

פראָנדאָסאָ

דייַן פאָטער פאַלט צו דר׳ערד פאַרכאַלעשט.

קאָמאַנדאָר

איך וועל אַרויסרײַסן מיט גוואַלט
פֿון אײַך די אײַנגעשפּאַרטע צינגער.
עי, נעם זי איך צעגליטע ריינגען...
ווער האָט דערהאַרגעט?

אַ פּדרויען־שטים

שעפּסנקוואַל!

פּלאָרעס
(גייט אַרויס פֿון הינטער דער בינע. לאָורענסיע און פֿראָנדאָסאָ באַהאַלטן זיך)

אײַ פֿײַניקט ער זיי אָן ראַכמאָנעס.
איך ווייס ניט, ווי עס פֿילט זיך ער —
נאָר איך בין מיד שוין פֿון פֿאַרהער.

סימבראַנעס (קומט האַסטיק צו לויפֿן)

דער קאָמאַנדאָר איז דאָ?

פּלאָרעס

סימבראַנעס!

סימבראַנעס

יאָ, איך! ווו איז דער קאָמאַנדאָר?

פּלאָרעס

וואָס דאַרפֿסטו אים?

סימבראַנעס

כ׳האָב נײַס געהיימע.

פּלאָרעס

סעניאָר! עי, שפּאַנט אַהער, סעניאָר!

קאָמאנדאָר (טרעט ארוס אפ דער בינע)

סימבראנעס

אָ, דרייסטער קאָמאנדאָר, ניט שטיי מער.
קיין רעגע דאָ זיך ניט פארהאלט.
באוואָפנ גיך דיינע סאָלדאטנ...
אינ סיודאד רעאל
האָט א מילכאָמע אופגעפלאטערט...
דער קיניג רופט דיך צו געווער!
עס ווארטנ אפ דיר העלדנטאטנ!..

קאָמאנדאָר

עי, גיכער צום געווער, סאָלדאטנ!
דו, פלאָרעס, לויפ, אינ האָרנ שאל!
אונ גיכער אלע אפ די פערד.
א שאָד איצט איבערלאָזנ שעפסנקוואל,
נאָר איך וועל נאָך זיך אומקערנ אהער!
(הינטער דער בינע שאלט א האָרנ. פערד טופענ)

פאָרהאנג

דריטער אקט

ערשטע סצענע

פלאַץ אין שעפּסנקוואַל. כאַסענע. מוזיקאַנטן שפּילן פֿריילעך. אַלע טאַנצן. פֿון אויבנאָן זיצט עסטעבאַן און כואַן דער רויטער.

עסטעבאַן

א שלעכטע צײַט. א שווערע צײַט.
ווי זײַנען מיר זי דורכגעקומען,
דער קאָמאַנדאָר איז איצטער ווײַט,
ער זאָל כאָטש אזוי גיך ניט קומען.

כואַן

מיר קאָנען איצטער פֿריילעך זײַן.
דער קאָמאַנדאָר ניטאָ דערנעבן,
מיר וועלן פֿריילעכער נאָך זײַן,
אז ער וועט קומען ניט דערלעבן.
נו, וואָס איז דאָרט געוואָרן שטיל?
עי, מוזיקאַנטן! פֿריילעך שפּיל.

מוזיקאַנטן (שפּילן און זינגען)

לאַנגע יאָרן
כאָסן־קאַלע;
לאַנגע יאָרן
ווינטשט זיי אַלע!

כאָסנ־קאַלע
מיר פאַרלאַנגען
גוטע טעג
און יאָרן לאַנגע!

מענגאָ

איך מיין, זיי איז געווען ניט שווער
צונויפשטעלן א ליד אזא מין.
ווי איך געדענק, אזעלכע גראַמען
האָט אפ איר כאַסענע געהערט
מיין עלטער-באָבע און מיין מאַמע.

באַרילדאָ

אויב דו געפינסט, אז דאָס איז גרינג,
איז לייג ארויס א שענער לידל.

אלע

יאָ, מענגאָ, זינג! נו, מענגאָ, זינג!

מענגאָ

דערלאַנגט אהערצו מיר מיין פידל.

(שטעלט זיך אין א פאַוזע, אלע לעבן אים. ער שפילט און אימיטירט
מיט באַוועגונגען)

ליד וועגן קאָמאַנדאָר

אין שעפּסנקוואַל, צום ריינעם טייך
א שיין מיידל איז געגאַנגען.
און ווי א שאָטן נאָך איר גלייך
דער קאָמאַנדאָר איז נאָכגעגאַנגען.

דאָס מיידעלע האָט זיך פאַרשעמט
און זיך באַהאַלטן צווישן צווייגן,
געמיינט, ער וועט זי ניט דערזען
און וועט פאַרבייגיין...

אומזיסט אָ, מיידעלע, אומזיסט,
ווערסט אין באַהעלטערלעך ניט שפּילן.

כ׳האָב לאנגע הענט, כ׳האָב פלינקע פיס,
מײַנ אויג דערזעט דורכ װענט אפילע.

דער קאָמאנדאָר גײט נאָענט צו,
דאָס מײדעלע טרעט אָפּ דערציטערט,
זי פֿלעכט מיט צװײַגנ זיכ ארומ,
זי מײנט, אז דאָס װעט זי פארהיטנ.

נאָר ליבע שװימט אריבער יאמ,
פאר ליבע פײַער האָט קײנ װערט ניט.
געכאפּט האָט זי דער קאָמאנדאָר
אונ זאָגט צו איר אזעלכע װערטער:

אומזיסט אָ, מײדעלע, אומזיסט
ביסטו פונ מיר אװעקגעגאנגענ,
כ׳האָב לאנגע הענט, כ׳האָב פלינקע פיס,
איכ װעל דיכ אומעטומ דערלאנגענ.

כואנ

אײַ, מענגאָ, גוט! אײַ, מענגאָ, גוט!
דו ביסט אפ אלצ א יונג א פֿלינקער.
דו שלאָגסט זיכ גוט, דו זינגסט אויכ גוט,
א שאָד נאָר װאָס דו קענסט ניט טרינקענ.

מענגאָ

װער? איכ? װער זאָגט דאָס אזא װאָרט!
כ׳װעל אויסדראפּענ די אויגנ יענעמ.
הײס אָנגיסנ א פולע קװאָרט,
װעסטו שוינ זענ, צי כ׳קענ, צי כ׳קענ ניט.

באריקדאָ (גיט מענגאָנ א קװאָרט װײַנ)

נא, מענגאָ, טרינק!

מענגאָ (אויסגעטרונקענ)

גיס נאָכ ארײַנ!

פּראָנדאָסאָ

טרינק, מענגאָ!

ל א ו ר ע נ ס י ע

גיט אים צו פארבײַסנ!

מ ע נ ג אָ (אויסגעטרונקענ)

גיס נאָכ אַרײַנ!

פ ר אָ נ ד אָ ס אָ

גענוג דיר זײַנ!

מ ע נ ג אָ

נײנ. גיס אַרײַנ, איכ מוז באַווײַזנ.

כ ו א נ

דו קענסט! דו קענסט! שוינ קלאָר! מע זעט!

ב א ר י ל ד אָ

פונ ווײַנ וועסטו די שטימ אָנווערנ.

מ ע נ ג אָ

ווער איכ? אָט גיט מיכ נאָר א בעט.

א ל ע

זינג, מענגאָ, זינג. מיר ווילנ הערנ.

מ ע נ ג אָ (שוינ שיקערלעכ. זינגט)

לאנג לעבנ זאָלנ כאָסנ־קאלע,
אונ זײער לעבנ זאָל זיכ גײנ
אָנ קריגערײענ, אָנ געווײנ,
אזוי ווי מיר זײ ווינטשנ אלע.

לאנג לעבנ זאָל דאָס נײע פּאָר,
זײ זאָלנ קײנמאָל זיכ ניט שײדנ,
אונ ווענ ס'וועט אויסגײנ זײ די יאָר,
זאָל אויכ דער טויט זײ נעמענ בײדע.

פראָנדאָסאָ

דאָס האָט דער ווײַנ דיכ אָפגעשוואכט,
צונויפגעפלאָנטערט אלצ צוזאמענ.

בארילדאָ

דערפאר האָט ער ניט לאנג געטראכט
אפ אויסצופלעכטנ אָט די גראמענ.

מענגאָ

בינ איכ אײַכ מער ניט קיינ פאָעט —
איצט גיי איכ טאנצנ... מוזיקאנטנ!

בארילדאָ

ער קאָנ ניט אײַנשטיינ אַז איינ ברעט,
ער קאָנ שוינ, דאכט זיכ, ניט קיינ שפאנ טאָנ.

מענגאָ

ווער, איכ? כאסינטע, קום! מיט מיר זיכ דריי!
כ׳האָב דאָכ דיכ ליב פונ הארצ פונ גאנצנ —
אָט לאָמיר, קוקנדיק אפ זיי,
אַז אונדזער כאסענע שוינ טאנצנ.

(אלע לאָזנ זיכ אינ פריילעכע טענצ)

קאָמאנדאָר (גייט שנעל אריינ. אָנגעהויבנ שרײַענ, זײַענדיק נאָכ הינטער דער בינע)

עי, כאסענע דאָרט שטעל זיכ אָפ!
פונ אָרט ניט ריר זיכ דאָרטנ ווײַטער.

כואנ

סעניאָר, געוויס ווילסט דורכגיינ דאָ

מיט דײַנע פּוסגייער און רײַטער...

(ער שרײַט צו די פֿויערים)

ע׳, מאכט א וועג! א וועג דאָרט מאכט...
אזא מינ גאסט אנ אומגערעכטער!
ווי איז געגאנגענ דיר אינ שלאכט?
די פֿײַנט געוויס באזיגט, פֿארניכטעט.
איכ שטעל זיכ פֿאָר ווי דײַנע פֿײַנט
אנטלויפֿנ דאָרטנ פֿונ דיר צעקלאפּטע.

(דער קאָמאנדאָר קוקט די גאנצע צײַט אפֿ פֿראָנדאָסאָ, מאכט א טראָט צו אימ)

פֿ ר אָ נ ד אָ ס אָ

איכ בינ פֿארפֿאלנ. העלפֿט מיר, פֿרײַנט...

ל א ו ר ע נ ס י ע

אנטלויפֿ, פֿראָנדאָסאָ...

ק אָ מ א נ ד אָ ר

האלט אימ! כאפּט אימ!
די הענט אפֿ הינטנ אימ פֿארציט!

(פֿלאָרעס און סאָלדאטנ בינדנ פֿראָנדאָסאָנ)

כ ו א נ

פֿארוואָס?

ק אָ מ א נ ד אָ ר

באלד גיב איכ דיר צו וויסנ...
קיינ אומשולדיקנ שטראָפֿ איכ ניט.
נעמט כּירט אימ אָפּ צו מיר אינ טפּיסע.

כ א ס י נ ט ע

ער האָט דאָכ כאסענע, סעניאָר!

קאָמאנדאָר

דאָס גייט ניט אָן מיר. האָסט פארשטאנען?
פאראן אָן אים געגוג כאַסאַנים!
איצט הייבט מיר אָן צו ווערן קלאָר,
ווער ס'האָט געטויט ארטוניאָ מײַנעם.
כ'האָב ניט געוווסט דאָס ביז אהער,
האָב איך אײַך אלעמען געפײַניקט.
איך זע, איר זײַט ניט שולדיק מער —
ס'האָט ער געטויט ארטוניאָן. ער!..

מענגאָ

ניין, ניין, ניט ער! סעניאָר, ניט רעג דיך!
און הער, — כ'בין מוידע זיך אין אלץ,
ארטוניאָן האָט געטויט...

קאָמאנדאָר

ווער פרעגט דיך!..
איך ווייס, וועסט זאָגן „שעפּסנקוואל".
נאָר מער וועט איר מיך ניט פארריידן,
אויך מיך דערשיסן ט'ער געוואָלט.

כאַסינטע

סעניאָר, אויב ער האָט אײַך באליידיקט,
אנטשולדיקט אים צום לעצטן מאָל.

קאָמאנדאָר

ניט נאָר אין מיר איז דאָס געווענדעט,
איך וויל, איר זאָלט עס אויך פארשטיין, —
ער האָט באליידיקט שרעקלעך, שענדלעך
ניט מיך אליין...
דעם גאנצן אָרדען „קאלאטראווא"

האָט ער באַליידיקט מיט זײַן טאַט.
און אויב אים זאָל דאָס דורכגיין גלאַט,
וועט ער מיט נאָך אַזעלכע בראַווע
דערגיין דערנאָכדעם ביז אַ בונט.
ניין, כ'מוז באַצײַטנס, כ'מוז וואָס שנעלער
אַזוי באַשטראָפֿן אָט דעם הונט,
אַז אַנדערע זאָל זיך ניט וועלן.

עסטעבאַן

סעניאָר, ער איז מײַן זון אַצינד.
פֿאַרענטפֿערן פֿאַר דיר איך וויל אים.
ער איז אַ רויִקער, אַ שטילער,
אין וואָס אַזעלכס באַשטייט זײַן זינד?
מײַן טאָכטער האָט ער ליב... דערפֿאַר,
ווען דו ביסט דעמאָלט זי באַפֿאַלן,
האָט ער פֿאַרטיידיקט זי — זײַן קאַלע.

קאָמאַנדאָר

עסטעבאַן, ביסט אַן אַלטער נאַר!

עסטעבאַן

סעניאָר, מיך וועסטו ניט באַפֿלעקן
מיט דײַנע געמיינער זידלערײַ.

קאָמאַנדאָר

ער וואַגט נאָך ריידן אַזוי פֿרײַ,
נעמט אָפּ בײַ אים דעם ריכטער־שטעקן.

עסטעבאַן

נאַ, נעם דיר אים. איך גיב אים אָפּ.
אַ קלענער קאָרעד אים צו האַלטן.

קאָמאַנדאָר

כ׳וועל אים צעשפאַלטן אַפּ דײַן קאָפּ!
(שלאָגט אים)

לאָורענסיע (וואַרפט זיך אַפן קאָמאַנדאָר)

וואָס טוסטו, הונט, דו שלאָגסט אַן אַלטן!
ביסט בייז אַפּ מיר. אָט בין איך דאָ.
שלאָג מיך, נאָר לאָז ניט אויס צום טאַטן.

קאָמאַנדאָר

פאַרשטאָפּט דעם גאָרגל איר... סאָלדאַטן!
און נעמט זי אויך, און פירט זי אָפּ!
(ער גייט אַוועק. די סאָלדאַטן פירן אַוועק לאָורענסיע און פראָנדאָסאָן)

עסטעבאַן

אָ, גאָט מײַנער, וואָס קומט דאָ פאָר?
צו וועמען זאָל איך איצטער שרײַען?

כאַסינטע

פון אונדזער כאַסענע
געמאַכט אונדז אַ לעווײַע.

באַרילדאָ

און עמעצער זאָל זאָגן כאָטש אַ וואָרט.

כואַן

באַם גאָרגל האָט געכאַפּט דער ווייטעק,
און מיר זײַנען געבליבן שטום.

כאַסינטע

פראָנדאָסאָן שמידט מען דאָרט אין קייטן,
און לאָורענסיע קומט אום...

עסטעבאן

וואָס איז געבליבן מיר צו זאָגן,
מיט טרערן בלוטיקע איך פרעג אײַך נאָר?
ווי לאנג וועט אונדזער ערד נאָך טראָגן
אזא מין מערדער, ווי דער קאָמאנדאָר?
ווי לאנג וועט אונדז נאָך אויסקומען צו וויינען
אף אונדזער אומגליק, אונדזער שאנד?
פאראן דען צווישן אונדז כאָטש איינער,
וואָס האָט אף זיך ניט אויסגעפרוווט זײַן האנט?
ווער האָט פון אים דאָ ניט געליטן,
און וועמען האָט ער ניט בארויבט?
דאָס לעבן האָט ער אונדז פארביטערט, —
גאנץ שעפּסנקוואל געמאכט צו אש און שטויב —
איז לײַדן וועלן מיר ביזוואנען?
וואָס שווײַגסטו, פאָלק פון שעפּסנקוואל,
וואָס שווײַגסטו זיי... וואָס שווײַגסטו די טיראנען!..

כואן

דאָס וואסער גרייכט שוין ביזן האלדז.

באריל דאָ

איז וואָס זשע טוען מיר אצינדער?

כואן

עס בלײַבט ניט איבער מער...
כאָטש הייב זיך אוף מיט ווײַב און קינדער
און לויף, אנטלויף פון אונדזער ערד.

אלאָנזאָ

ווי הייסט זיך אופהייבן אנטלויפן,

ס'איז גוט פאר דעם, וואָס ווערט דאָ גאָרניט אָנ.
אונ מיר, וואָס האָבנ הײַזער, הויפנ,
ווי קאָנעג מיר דאָס טאָנ...

כואנ

איז קומ דערהארגענענ זיי, טויטנ.
זיי זײַנען ווינציק, מיר זײַנען א סאַכ.
אונדז וועט גרינגער אויספירנ די זאַכ!

אלאָנזאָ

עי, היט זיכ דו, כואנ דער רויטער!
ווילסט אופהייבנ די האנט אפ אונדזער האר!

כואנ

אונ דו וועסט עפשער גיינ דערציילנ?

אלאָנזאָ

דו שטעלסט אונדז אלע אינ געפאר.

כואנ

וועסטו באקומענ אויכ א קיילעכ.

(וויל זיכ ווארפנ אפ אלאָנזאָ)

באָרילדאָ

הערט אופ! וואָס איז מיט אײַכ, הערט אופ!
עי! קוקט, ווער לויפט אזא צעפּאָכטע...
(האסטיק קומט צו לויפנ לאורענציע)

כאסינטע

אָ, לאורענסיע!

עסטעבאנ

מײַנ טאָכטער!

לאורענסיע

נײנ, טאָכטער רופ מיכ ניט. ניט רופ!

עסטעבאנ

פארוואָס, מײַנ קינד, פארוואָס, מײַנ וועלט,
פארוואָס זאָלסטו אזוינס מיר זאָגנ?..

לאורענסיע

האָסט זיכ פאר מיר ניט אײַנגעשטעלט.
האָסט מיכ פונ זײ ניט אָפגעשלאָגנ.
פראָנדאָסעס ווײַב בינ איכ נאָכ ניט,
דײַנ דאכ אפ זײַנעמ ניט פארביטנ.
ווער האָט באפרײַט דיכ פונ דײַנ פליכט
מיכ צו באשיצנ אונ באהיטנ?
ווי האָסטו צוזענ דאָס געקענט,
ווי כ'ראנגל זיכ בא וועלפ אינ צײנער,
אונ מיכ צו ראטעווענ — די הענט
ניט אויסגעשטרעקט, ניט דו, ניט קײנער?!
דאָס פאָנעמ דארפ אצינד אײַכ ברענענ,
באכדאָגימ זײַט איר, ניט קײנ מענער.
וואָס כ'האָב זיכ דאָרט ניט אָנגעליטנ,
וואָס כ'האָב זיכ דאָרט ניט אָנגעהערט!..
זײ האָבנ מיר דאָס לײַב געשניטנ,
זײ האָבנ מיר געדראָ'ט מיט שווערד.
א שאנד מיר צו דערציילנ אלצ,
ווי ער איז זיכ מיט מיר באגאנגענ,
קעדײ מיכ אײַנברעכנ מיט גוואלט

פאַר זײַנע שענדלעכע פאַרלאַנגען.
קעדייִ מיט גוטן און מיט בייז
מײַן ריינקײַט מיידלשע באַרויבן.
אָט זעט דאָס בלוט, וואָס רינט נאָך הייס,
וועט איר מיר קאָנען בעסער גלייבן.
אָט זעט אָפּ קאָפּ מײַנעם די האָר,
ווי זיי זײַנען צעפליקט, צעשויבערט!
דאָס אַלץ ווי קאָנט איר צוזען גאָר,
און ס'כאַפּט אײַך גאָר ניט אָן קיין שוידער?!
איר זײַט דען מענער? — האָזן זײַט איר.
ווי האָזן דאַרף מען אײַך פאַרטרײַבן,
אויב איר דערלויבט, אַז יעדער אויסוואורף
זאָל אָפּנעמען בא אײַך די ווײַבער.
איר זײַט קיין מענער ניט, נאָר שאָף.
אַ סטאַדע שאָף זײַט איר אַ פּראָסטע,
און אָט דער נאָמען שעפּסנקוואַל
איז איצט פאַר אײַך, ווי אָנגעמאָסטן.
איר טראָגט נאָך שווערדן בא דער זײַט!..
אַהערצו גיט מיר אַלע שווערדן...
די פרויען וועלן — זיכער זײַט —
זיי אויסנוצן מיט מערער ווערדע.
אויב ניט מיט שווערדן, וועלן מיר
אָפּ די טיראַנען גיין מיט פלאָקנס.
און איר אַהיים צעגייט זיך גלײַך
און זעצט זיך דאָרטן שטריקן זאָקן, —
אָפּ עפּעס בעסערס טויגט איר ניט,
ניטאָ פון אײַך קיין אַנדערע נוצן.
און מאָרגן וועלן מיר נאָך אײַך
אין אונדזערע טשיפּיקלעך פאַרפּוצן.
וואָס וואַרט איר נאָך, וואָס שטייט איר דאָ?

צי אײַך האָט אַלץ נאָך ניט פאַרדראָסן?
גײט זעט! גײט זעט! דער קאָמאַנדאָר
דאָרט קלײַבט זיך אויפהענגען פּראָנדאָסאָן
אָן רעכט, אָן מישפּעט, אָן געריכט...
אײַך אַלע וועט ער טאָן דאָס זעלבע.
איר זײַט פאַכדאָנים, איר זײַט ווערט,
ער זאָל אײַך אויסשעכטן ווי קעלבלעך!

עסטעבאַן

ניין, טאָכטער ליבע מײַנע, ניין.
וואָס זײַנען מיר? צי טאַקע האָזן?
מעג מיך די גאַנצע וועלט ניט לאָזן —
אַף דעם טיראַן איך גײ אַליין.

כוּאַן

איך אויך. גענוג! גענוג זיך שרעקן.

באַרילדאָ

קומט! קומט! עס גייט גאַנץ שעפּסנקוואַל!

כאַסינטע

עי, מענגאָ, נאַ דיר, נעם מײַן שאַל!
און בינד אַרויף זי אַף אַ שטעקן,
און זאָל צעפּאָכען זי דער ווינט...
ווי אונדזער פאָן.

עסטעבאַן

אַהער! געשווינד!
נעמט שווערדן, שפּיזן, שטעקנס, פּלעקער!

מענגאָ

און טויט און אומקום די פארעטער!

אלאָנזאָ

באטראכט זיך! שטיי! דו נאריש פאָלק!

לאורענסיע

קומט! קומט! און זיין זאָל מיט דערפאָלג!

צווייטע סצענע

הויז פון קאָמאנדאָר• קאָמאנדאָר. סאָלדאטן. פראָנדאָסאָ מיט געבונדענע הענט.

קאָמאנדאָר

אפ העכסטן טורעם הענג אים אוף,
און זאָל ער הענגען דאָרט וואָס לענגער.

פראָנדאָסאָ

מײַן טויט וועט דיר נעקאָמע ברענגען,
וועסט האָבן גיך א וויסטן סאָף.

קאָמאנדאָר

רײַסט אויס דעם צונג... דו הונט! דו פויער!

(די סאָלדאטן ווילן אוועקפירן פראָנדאָסאָן, הינטער דער בינע א שטאר־
קער גערויש)

ווארט אויס. וואָס איז דאָרט פאר א רויש?

פלאָרעס (לויפט ארײַן)

סעניאָר, מע ברעכט דאָרט טיר און טויער.

קאָמאַנדאָר

מע ברעכט די טיר? בא מיר אין הויז?..
ווער?

פלאָרעס

שעפּסנקוואַל!

קאָמאַנדאָר

צעטרייַב פונדאַנען.

פלאָרעס

סעניאָר, זיי זייַנען דאָרט א סאַך.

קאָמאַנדאָר

ווו איז די וואַך? וואָס טוט די וואַך?

פלאָרעס

דאָס גאַנצע פאָלק איז אופגעשטאַנען.

קאָמאַנדאָר

דאָס פאָלק? אַן אופשטאַנד קעגן מיר?
אין בלוט דערטרינקען זיי, פארכלינען!

סאָלדאַט (לויפט אריַין א צעבלוטיקטער)

פארהאַקט די טיר! פאַרשטעלט די טיר!
(דער געוויש דערנעענטערט זיך)

קאָמאַנדאָר

וואָס זייַנען זיי אראָפּ פון זינען...
די שווערד אהער! אָט וועל איך באַלד!
אַזא מין ווידערשטאַנד זיי געבן...
(מע טרייסלט שטאַרק די טיר. מע הערט אויסרופן)

א ו י ס ר ו פ נ

ברעכט! צינדט! גנעקאָמע, שעפּסנקוואַל!

ק אָ מ א נ ד אָ ר (טרעט אָפּ. גייט צו, צעפּינדט פּראָנדאָסאָ)

פּראָנדאָסאָ, כ'שענק דיר איצט דאָס לעבן,
גיי שטיל זיי איין...

פ ר אָ נ ד אָ ס אָ

א שיינעם דאנק!
דאָס לעבן איז מיר טאקע נייטיק,
נאָר ווער באדארף איצט דיין געשאנק...

(ער טוט א שפּרונג צו דער טיר, גיט זי א ריס פון אינוויייניק. די טיר פּראלט אוף. עס רייסן זיך אריין באוואָפנטע פּויערים)

א ל ע

אָט איז ער, דער טיראַן! אים טויטן!

ק אָ מ א נ ד אָ ר

הערט אויס! הערט אויס!

א ל ע

מיר זיינען טויב!

פ ל אָ ר ע ס (הייבט אוף די הענט)

אנטשולדיקט מיך. איך האָב כאראָטע.

פ ר אָ נ ד אָ ס אָ (כאפּט א שווערד)

אנטשולדיקן אייך נאָכן טויט,
ווען איר וועט אויסהויכן דעם אָטעם.

(שלאָגט זיך מיטן קאָמאנדאָר. דער קאָמאנדאָר טרעט אָפּ הינטער דער בינע. לאורענסיע ווארפט זיך אף פלאָרעסן)

פ ל אָ ר ע ס (מיט אופגעהויבענע הענט)

כ'האָב אויסגעפּילט נאָר זיין באפעל.

לאורענסיע

דערציילן ניט ווער דו ביסט... מיר ווייסן.

פלאָרעס (טרעט אָפּ צו דער וואנט)

געטאָן, וואָס ער האָט מיר געהייסן.

לאורענסיע

באצאָל אצינדער מיט דיַין פעל.

(דערשטעכט אים)

שטימען (הינטער דער בינע)

טויט די פארעטער! טויט די סאָנים!

פראָנדאָסאָ (לויפט אריַין מיטן קאָמאנדאָרס קאָפּ אף דער שפּיז)

צערעכנט זיך מיט זיי פאר אלץ.

אלע

נעקאָמע, שעפּסנקוואל! נעקאָמע!

זאָל לעבן אונדזער שעפּסנקוואל!

פאָרהאנג

אינהאלט

זייט

הירש לעקערט 9

דער אורטייל קומט 113

פאָלק (לויט לאָפּע דע וועגאַס שעפּסן־קוואַל) 149

Редактор—М. Литваков. Техред—М. Погостер
Корректор—М. Иткович
Сдано в набор 5/VII—35 г. Подписано к печати 2/XI—35 г. ф. б. 62X94 1/16. 14 3/4 п. л.
Уп. Главлита Б—13851. Тираж 2.500.

Тип. „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9.
Зак. № 733